STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04802

SEFER GAN LE-YISRAEL

Yisrael Nehemyah Rabinowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל בטח בד'

ספר

גן לישראל

גרסא נאה להל ישראל

מאת

ישראל נחמי' בלאא יוסף ארי' ז"ל

ראבינאוויץ

שנת נבאה לגן ישראל לפק

באסטאן מאסס

ספר גן לישראל

פארשידענע רעדעס אויף פארשידענע
צייטען, אויף אלע שמחות ביי אידען
פיר שבתים און יו"ט, אין זשארגאן.

— פון —

ישראל נחמיה בן ר'א'א יוסף ארי' ז'ל
ראבינאוויץ

ערשטער טהייל

שנת נבאה לגן ישראל לפ'ק
באסטאן, מאסס.

לוח המפתחות.

ערשטער טהייל

1. א רעדע צו א 25 יעריגען יובילעאום פון אן ארגאניזיישאן 9
2. א רעדע צו א ברית מילה 14
3. א רעדע צו א בר מצוה, נומער 1 18
4. א רעדע פיר דעם טיטשער נאך דעם בר מצוה'ס רעדע 22
5. א רעדע צו א בר מצוה, נומער 2 24
6. א רעדע צו א בר מציה, נומער 3 27
7. א רעדע צו א בר מצוה, נומער 4 30
8. א רעדע צו א בר מצוה, נומער 5 33
9. א רעדע ספעציעל פאר א יונגען בוי ביים ערהאלטען א גאלדענעם מעדאל פון א קאנגרעגיישאן 35
10. אחרון של פסח, נאך הזכרת נשמות 37
11. א רעדע ביי א חתונה 41
12. א רעדע אונטער א חופה 44
13. א רעדע צום אריינמופען אין א נייע שוהל 47
14. א שטיקעלע תהלים אין גראמען 51
15. א רעדע פאר די בחורי חמד לומדי גמרא 53
16. מה גדלו מעשיך ה׳ 57
17. ודבק לבנו במצותיך 58
18. ואתה קדוש 59
19. מי כמוכה באלים ד׳ 60
20. תשעה מי יודע 61
21. די טענות פון משה רבנו 63
22. די טענות פון אדם הראשון 64
23. געבארענע און געווארענע 67

24. ויחל משה 69
25. הכל בידי שמים 70
26. הוא היה מונה שבחם 73
27. שתקות אנוש רמה 75

חלק שני בעברית.

28. לא חרבה ירושלים, ביאור 77
29. לבר מצוה 78
30. אתה חונן לאדם דעת 81
31. כשחלה ר' יוחנן בן זכאי, ביאור 82
32. שבת שמברכים החדש אחרי ברכת החדש 83
33. דרוש לשבת שובה 87
34. הספד על אדמו"ר 92

א ארט פאררעדע, א מין הקדמה

באתי לגני אחותי כלה, אריתי מורי עם בשמי
אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי אכלו
רעים, שתו ושכרו דודים (שיר השירים ה' א')

אייגענטליך האב איך גאר ניט גערעכענט צו שרייבען אן הקדמה, נור עס איז דאך אבער פארט א מנהג קדמונים אז יעדער איינער וועמען דער בורא יתברך העלפט דאס ער זאל ארויסגעבען פאר דער וועלט זיינע געדאנקען, הגדול לפי גדלו והקטן לפי קטנו, כפי שכלו הזך כיד ד' הטובה עליו, שרייבט מען א הקדמה, און די וועלט זאגט דאך אז א מנהג ברעכט א דין, ווייל מנהג ישראל איז דאך דין, דערפאר מוז איך שרייבען חאטש א מין הקדמה, א ארט פאררעדע. דער אונטערשיעד פון א הקדמה ביז א מין הקדמה איז דאס: דער וואס שרייבט א רעגעלע הקדמה שרייבט אויס ווי ווייט זיין חבור בריינגט נוצען פאר דער וועלט, און די אלע גוטע זאכען וואס דער לעזער וועט גע-פינען אין ספר, הכלל ער מיינט נור לטובת הכלל, ביז די הקדמה פארנעהמט 6 אדער 8 זייטען און דער לעזער ווערט שוין מיעד לעזענדיג די הקדמה אליין.

ואני, און איך אבער, רוח אחרת אתי, איך דיינק אבער עטוואס אנדערש. מנעורי פון מיין יוגענד אן בין איך אימער געוועזן א מסתפק במועט, איך בין קיינמאל ניט געוועזן

קיין עץ להעשיר, פון פארלאנגען א פולע, דערפאר שרייב איך אביסעל, ווייל צוערשט מוז איך אפגעבען א שבח והודיה לאלקי ישראל החונן לאדם דעת כי הביאני עד הלום, אז איך זאל קאנען זאגען: אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנתנו, און מאכען די ברכה ברוך שהחיינו וקימנו לזמן הזה, דאס איך זאל קאנען שרייבען "באתי לגני" איך בין געקומען אין מיין אייגענעם גארטען ״גן לישראל״ אחותי כלה, זאגט שלמה המלך ע״ה אמור לחכמה אחותי את: זאג צו די תורה דו ביסט מיין שוועסטער.

די תורה ווערט אויך גערופען ״כלה״ ווי רש״י הקדוש שרייבט אויף דעם פסוק: ויתן אל משה ככלתו, אז מען האט די תורה איבערגעגעבען צו משה רבינו אזוי ווי א כלה דערפאר אז איך בין אריין אין מיין ״גן לישראל״ האב איך מיטגענומען ״אחותי״ און ״כלה״ דאס איז תורה שבכתב און תורה שבע״פ: די שוועסטער און די כלה, ווייל איך בין אליין א יליד ווילנא. וואס דאס איז מקום תורה, א עיר ואם בישראל, ורעיתי העדינה מ׳נ׳ב׳ת אשת נעורי מרת **מרים איטה דבורה תחי׳** לאי״ו״ש איז געוועז בנעוריה בית אביה א אוהבת תורה, האט זי מיר אימער געהאלפען אין מיין ארבייט אום איך זאל קאנען מער זיצען און לערנען ישלם ד׳ פעלה ותהי משכורתה שלמה מעם ד׳.

נור דא שרייבענדיג האב איך געטהון ווי דער זעלבער פסוק זאגט אונז: אריתי מורי אם בשמי אכלתי יערי אם דבשי שתיתי ייני עם חלבי, דא אין אמעריקא האב איך געפלאנצט מיין גארטען מיט פארשידענע בוימער, פארשידענע פרוכטען, יעדער נאך זיין צייט, כאשר עיניכם תחזינה מישרים אין עברית און אין זשארגאן, הכל כמנהג מדינת אמעריקא. אז אלע קלאסען מענשען זאלען פאשטעהן, עס זאל זיין: אכלו רעים שתו ושכרו דודים. איהר זאלט אליין קויפען, אויך רעקאמענדירען אנדערע צו קויפען.

איך גלויב און האף דאס יעדער איינער, ווער עס וועט נור דורכזעהן דעם מפתח פון תיכן ענינים וועט שוין דער ספר אליין רעדען פאר מיר.

המחבר.

אדרעס המחבר:

Rev. I. RABINOWITZ

580 BEACH STREET - - REVERE, MASS.

הסכמת הרב הגאון פאר הדור כש״ת מהור״ר ר׳ גבריאל זאב מרגליות שליט״א, ראב״ד לעדת ישראל בנויארק

לפנים רב הכולל בבאסטאן

רוב שלום וכטו״ס לכבוד חרתן דודי ה״ה התורני המופלג ומשכיל
ביראת ד׳ כש״ת מו״ה ר׳ ישראל נחמיה ראבינאוויטש נ״י שלום׳

אחדש״הט׳ בא״הר׳ הנה יד שלוחה אלי מכרו״מ לתת לו הסכמה על דבר הדפסת ספרו אשר בשם ״גן לישראל״ יכנהו, אשר בו קבץ על יד את דרשותיו המחוכמים, על ענינים ועתים שונים, ואם כי לדעתי ספרים שאינם נוגעים להלכה למעשה אינם נזקקים להסכמה, זולתי לאות לבני ישראל, כי בהם לא ימצא שום דברי כפירה ומינות ח״ו והמחברים הרוצים להוציא הגיון לבבם לדבר עתק על ד׳ ועל משיחו, יהי׳ מי שיהיה, צורב או בר בי רב, או אפילו איש פשוט החפץ להוציא את רוחו המשובשת הנה המה לא ידרושו הסכמה מרבנים, רק מחביריו הדומין לו וכרו״מ הלא ידוע ומפורסם בשער בת רבים מנעוריו עד היום, כי הנהו חרד ע״ד ה׳ ועל תורתו באמונה כאיש משכיל דורש את א׳, עב״ז לעשות רצונו חפצתי, להודיע לכל כי שמעתי ממני תמיד הרבה דברים נכונים ומחוכמים בדברי תנ״ך ואגדה הראוים לקובעם בדפוס ולהפיצם בישראל, וכאשר קפצי עליו ימי הזקנה וחפצו ורצונו להוציא אותם לאור ורצונו זהו כבודו. ע״כ הננו להעתיר מאת נדיבי עמינו ובעלי דעת והשכל להיות לו לעזר בהדפסת ספרו ״גן לישראל״ הנ״ל ולכבדו לעת זקנתו לקבל ממני את ספרו בסבר פנים יפות, כראוי, וכל העוזרו ומסייעו, ד׳ יהי׳ בעזרו, והנני לברכו כי יאריך השי״ת את ימיו ושנותיו בנעימים כחפצו וכחפץ בן דודו המוקירו ומכבדו כערכו הרם ובא״עהח יום ג׳ מקץ, תרפ״ב, למען כבוד התורה והוגיה,

גבריאל זאב מרגליות ראב״ד לעדת ישראל שבנויארק

הסכמת הרב הג' יוסף מ' יעקבסאן

יבאו דודים לגנו "גן לישראל" מאת הרב המחבר בנן של קרושים. מגזע היחס בווילנה יע"א ה"ה ר' ישראל נחמיה ראבינא־וויץ שליט"א שהוא הישראל אשר בו אתפאר לידידי אשר מאז שהכרתיו לאיש משכיל, דורש א' ובמאמרו בורא רוח חדש בקרב בני ישראל ומקרב לבן אל אביהם שבשמים ועתה רוצה הוא להפיץ את מעיינו החכמה על פני תבל, ירדתי לגנו ללקוט שושנים ומצאתי בו את שאהבה נפשי, לבן אמינא פתגם העולם כל ישראל יהי עם ר, ישראל" וכל ישראל יהיו בעזר הרב ר' ישראל שיחי' למען יוכל להוציא מחשבתו הטהורה לפעולה ויבאו בולם ויאכלו מפרי מגדיו שהכין בספרו "גן לישראל" ואני נתתי לו ד"ק על הספר ואקבלני אי"ה בסבר פ"י כי יצא מב"הד

באע"הח היום שלישי בשבת וישלח

אתפ"אר לפ"ק פה ראקסבורי

נאום יוסף מאיר יעקבסאן החופ"ק

הסכמת הרב הג' אהרן ר' טשארני

הנה כאשר כבוד ידידי הרב המופלג כש"ת מוה"ר ישראל נחמי' ראבינאוויץ יליד ווילנא ובעת תושב רעוויר מאסס, הביא לפני את ספרו "גן לישראל" דרושים ונאומים ובקשני שאשים את עיני עליו, ומצאתי שדבריו נכונים ונאמרים בטיב טעם ודעת, ובפרט לאיש סוחר ונהנה מיגיע כפיו, אשר היה עליו ללחום בכל היום את מלחמת החיים כדי למצוא טרף לביתו, ובעתות הפנויות, אשר אז היה עליו להנפש מעמל היום, דרש ולמד לפני רבים וגם שם לילה כיום רק לעבודה רוחנית, כדי לזכות את הרבים ולהיות לו למזכרת עולם, ומי יתן וירבו כמותו בעלי בתים בישראל.

וכל מן דין תמוכו לנא, ומצוה רבא לתומכו שיהיה לאל ידו להביא את ספרו זה לדפוס, וגם לראות לעת זקנתו ברכה בעמלו ובע"ה גם אנכי אקבל בל"נ את ספרו.

ולמען כבוד התורה ולומדיה באתי על החתום יום ה' ז' כסלו תרפ"ב פה רעוויר אהרון ראובן. ב"ר יצחק טשארני אבד"הק הנ"ל ומלפנים רב דק"ק עדת ארטאדאקסים דסטופני והסביבה בלאנדאן ובבירמינגהאם ענגלאנד

ברוכים אתם לד׳ געבענשט זאלט איהר זיין צו גאטט!

איהר פרענומעראנטען פאר אייער פאטראנייזען צו נעהמען

דעם ספר **גן לישראל**

הרב הגאון רג״ז מרגליות, ראב״ד בעדת ישראל נויארק
לפנים רב הכולל בבאסטאן וסביבותה

הרב הג׳ ר׳ יוסף מאיר יעקבסאהן רב בראקסבורי

הרב הג. ר׳ אהרן ראובן טשארני, אב״ד דרעוויר,

הרב ר׳ אלחנן עוזר לאנדעס, רב ברעוויר

ר׳ שרגא פייוועל מרקעל

ר׳ שמעון א׳ פרייס, חזן ברעוויר, ר׳ בנימן וויינער

ר׳ אהרן וויינטרויב

ר׳ העריס גאלדמאן

ר׳ יהושע קארגער

ר׳ יצחק ב״ר מרדכי הירשבערג

ר׳ זלמן וואלף

ר׳ שמחה יעקב לעווין

ר׳ אהרן שערמאן

ר׳ נחמיה ב״ר שאול ברוין

ר׳ חיים יעקב ברוין

הב׳ נחמה טייבע בת ר׳ ח״י ברוין

הב׳ חיי טייבא עפשטיין

החתן יוסף יצחק עפשטיין

ר׳ שמעון דוב פריידסאן

ר׳ פינחס נחסאהן

ר׳ אברהם יהודא קאהן

ר׳ משה סאנדלער

ר׳ ישראל האסקין

ר׳ זרח שאלטמאן

ר׳ ישכר הילל קליצמאן

ר׳ אליעזר קייבעל

ר׳ שלמה פינקעלשטיין
פרעזידענט בית״כנ תפארת ישראל ברעוויר

ר׳ אלי׳ שאלאה

ר׳ שמואל מאזיסאהן

ה׳ רבקה בת ר׳ משה ברוין

ה׳ א״טע דבורה ברוין

ר׳ שמואל מארים עפשטיין

ה׳ רחל עפשטיין

ר׳ יעקב הערץ האלצבערג

ר׳ אליעזר עהרליך שו״ב

ר׳ יצחק שחור

בנו המשכיל שלמה שחור

ר׳ יהודה ראטקאווסקי

ר' שרגא פייוועל טורעצקי שו"ב, ר' יצחק בערמאן

מר. לוים גפן	המטיף הערים גארדאן
מר. קופער	ר' יחזקאל אסכר
ר' שמעון ביינש גערשאן	ר' שלמה בר ח"י מרקלסאן
דאקטאר ה. מ. זילבערמאן	ר' מרדכי שלמה ריטש
ר' געציל מיללער	ה. ק. וואלדמאן
ר' יהושע ארי' ראזין	ר' ליב עפשטיין
ר' דוד יצחק גאלדמאן	ר' משה יהושע ח' לעווענסאן
ר' צבי הירש סקאטש	פרעז. בית הכנ. בית אל
ר' דוד בראדסקי חזן	ר' זבולין צבי לעססער
ר' יחיאל ב"ר חיים צבי	ר' מנחם מענדעל בערלין
ר' משה ארי' הודשטיין	ר' ברוך נחמיה מרגליות
ר' זאב וואלף מאסקאוויץ	האשה בתי' רחל קאטץ
האשה חוה מאריקעל	האשה עלקע נעלסאחן

ר' ישעי' ב"הרב ר' יעקב אהרן זצ"ל נעלסאהן

ר' מנחם מאניש בערלין	ר' שרגא ווידעצקי שו"ב
ר' שמואל אליעזר סנדרר	ר' ישראל ארי' אבראש
ר' אליעזר אנשיל פיינבערג	ר' ירחמיאל רעזניק
ר' שבח סאלווייציק	ר' משה יצחק סאלטער
ר' יעקב ברוך רעזניק	ר' משה לעווין שו"ב

ר' נחמן דוד שטערן, פרעזידענט בית המד. הגדול באסטאן

ר' שרגא פייוויש אלטמאן	ר' ארי' ליב טראפ
ר' משה מרדכי אייזנער לאיער	ר' מאיר יעקב הערמאן
ר' עזרא ב"ר יוסף גאלדין	ר' מרדכי פראמישעל
ר' אברהם פיינשטאן	ר' שלמה יהודה מטשעלסי
ר' מנחם מענדעל ברוין	ר' עקיבא ביקוויט

ר' שמואל שווארץ
ר' שבתי קאריטסקע
ר' ראובן פינקעלשטיין
ר' יוסף גערשאן
ר' דוד יעקב אדעלסאן
ר' אברהם שמה קוביצקע
ר' נום לעווענסאן
ר' ישראל מנם גאלדשטיין
ר' שלום קאבילינסקי
ר' יצחק סנדלר
ר' ישראל יעקב לעמפערט
מר. ליב סאלטמאן
ר' יוסף גערשאן
ר' יצחק יעקב שארף
ר' יצחק ארי' שמיטה
ר' נחמי' מרגליות
החתן נחום מרגליות
ר' מרדכי אבקאוויץ
דוב ראבינאוויץ בני
החתן מרדכי ראבינאוויץ בני

ר' אברהם פראם
ר' ישראל יעקב אנדרוס
ר' יוסף ברעטלער, לאיער
ר' שמואל סיימאנס
ר' יעקב אשר אללען
ר' שלמה צבי ארענסאהן
החב ר' חיים זעבעלאוויץ שו'ב
ר' דוב ברוין
ר' יעקב נייטענסאהן
ר' אברהם שלמה חפץ
ר, שמואל משה מרגליות שו'ב
ר' משה ליב רעזניק
ר' חיים רובין
ר' שלום אהרן קאלמאן
ר' יצחק סנדלר
ר' נחמיה פרידמאן
ר' כתריאל קראטקי
ר' אהרן גינזבורג
שניאור זלמן ראבינאוויץ בני
ר' אברהם יצחק שטערינס חתני

ר' נחום וואלפע
ר' אברהם שמחה קוביצקע
ר' ישראל מנחם גאלדשטיין

ר' דוד אפעל
ר' נחום לעווענסאן
ר' נחמיה פרידמאן

ספעשעל געשריבען צו די 25 יעהריגע יובילעום פון די ווילנער סאסייטי, דען 13 טען אקטאבער 1912.

כה תברכו את בני ישראל

היינט וויל איך מקיים זיין א מצות עשה פון דער תורה, הגם דאס איז אייגענטליך ניט גיגעבען געווארען פיר מיר, איך בעט אייך מיינע ברידער אונד שוועגערינס ווייל אז די מענער זיינען ברידער זיינען דיא פרויען שוועגערינס, ווייל אין אונזער פעריין קומען ניט דיא פרויען צום מיטינג: דערפאר קען איך זיי ניט רופען שוועסטער, אבער וואס איך וויל זאגען איז: אז איהר זאלט ח"ו ניט דענקען אז איך קלייב זיך אויס מצות, ניין איך קלייב זיך גאר ניט אויס קיין מצות, זאנדערין די מצוה איז גאר גיגעבען געווארען פיר די כהנים: ווי דער פסוק זאגט, "דבר אל אהרן ואל בניו כה תברכו את בני ישראל" איז דאס גאר א מצוה פיר די כהנים אבער גיט פיר די ישראל, און בפרט פיר ישראל אליין, דער-פאר האב איך געזאגט אז די מצוה איז ניט גיגעבען געווארען פיר מיר אבער ניט ווייל איך קלייב זיך אויס מצות, דאך בלייבט דאך דיא פראגע ווארום האב איך טאקע גענומען אזא מצוה יעצט, וואס בעלאנגט גאר צו די כהנים, איז דאס איבער 2 אורזאכען: דאס ערסטע געפינען מיר א מאמר ח"ז "אמר ר' יוסי מימי לא עברתי על דברי חברי אם היו אומרים לי עלי לדוכן הייתי עולה אע"פי שאינני כהן". מיר האט מען געבעטען איך זאלל ארויף גיין אויף דער פלאטפארם, בין איך ארויף און זאגען קען איך וואס איך וויל, צווייטענס האב איך אן געפאנגען מיט די ברכה פון כה תברכו את בני ישראל, ווייל היינטיגער יו"ט אונזערער איז דער צאהל פון כ"ה 25, עס איז 25 יאהר פאריבער זינד אונזערע לאנדסלייטע האבען געגרינדעט דעם פעראיין.

צוערסט גלויב איך גאר אז מיר דארפען מאכען שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, געווינליך האט זיך דיעזער פעריין אן גיפאנגען מיט עטליכע מעמבערס און הייטע צו טאגע ציילען מיר עטליכע צעהנדליגע

מעמבערס, און ווידער איז אויף דעם זמן אליין א י"ט וועלכער קומט איין
מאל אין 25 יאהר, גלויב איך אז דאס איז א ריכטיגע ברכה שהחיינו וקימנו
והגיענו לזמן הזה, מיינע ברידער פון די ווילנאר אססאסיאיישאן מיר זיי-
ניט קיין לאדזש און קיין ארדען געוויס ניט, זאנדערן א קליינע סאסייטע
אבער מעהר ניט ווי אין כמות, אין איכות זיינען מיר גענוג גרויס, לא-
מיר זעהן על מה אדניה הטבעו איהרע פרינציפען איז גרינע לאנדסלייט
צו שטיצען, נאטה בעדערפטיגע, צו העלפען מיט ראטה אונד טהאט
קראנקע צו בעזוכען, טאדטע צו באערדיגען, מיר ציילען ניט קיין
איניגע הונדערט מעמבערס וויא אנדערע לאדזשעס בעריהמען זיך צוא
זייערע 25 יעהריגע יובילעום, זאנדערען מיר זיינען א קליינע צאהל, מיר
ציילען ביי הייטע צו טאגע נור 70 מעמבירס און דאך האבען מיר זוכה
גיווען צו פייערין אונזער 25 יעהריגע יובילעום, מיר ווילנאר מיט אונזער
ווילנאר סאסייטע זיינען מיר געגליכען צו די גאנצע אומה הישראלית
דאס גאנצע אידישע פאלק איז די קלענסטי נאציאן פאן אללע אנדערע
נאציאנען אונד דאך עקזיסטירט זיא טויזענדע יאהר, וועלכע פון אנדע-
רע גרויסע אומות איז שוין לאנג קיין זכר ניטא, איך האף דאס אונזער
ווילנאר סאסייטע וועט זיין אויך לאו"ש אזוי וויא דיא גאנצע אידעשע
נאציאן, איך מיין צו זאגען נאך עטוואס: ווייסט איהר פאר וואס אונזער
קליינע ווילנאר אססאשיאיישאן האבען זוכה גיווען מיט איהר הייפעלי
מעמבערס צו היינטיגען זילבערנעם יו"ט, ווייל די אללע מעמבערס לע-
בין צווישען זיך פריינדליך, ברידערליך איינער מיט דעם צווייטען,

אונזער צייכען איז וואס? ברידער ליעבע, איינעמס א צער איז
אויך דעם צווייטענס, ווען איינער איז ח"ו אין נאטה: זוכט מען יענעם
צו העלפען מיט ראט אונד טהאט, מען לעגט אוועק אייגענע ביזנעס,
און מען טרייעט פיר דעם נאטה בעדערפטיגען ברידער, מען לעבט איי-
נער מיט דעם צווייטען בשלום ואחדות, באהבה ואחוה.

מיר קענען זאגען אויף אונזער סאסייטע דעם פסיק: חסד ואמת

נפגשו, צדק ושלום נשקו, מיר געפינען א מאמר ח״זל: ווערענד אז דער אויבערסטער האט באדארפט באשאפען דעם מענשען: חסד אמר יברא מחמת שכולם גומלי חסדים, אמת אמר אל יברא מחמת שכולם אוהבי שקרים, צדק אמר יברא מחמת שכולם אוהבי צדקות, שלום אמר אל יברא שכולם מלאים קטטות, אלזא זעהען מיר דערפון אז דאס איז שני הפכים בנושא אחד, צוויי געגען עקסטרעמען אויף איין זאך אויף דער בריאה פון מענשען, אבער ווען איז דאס אללעס אז זיי זיינען יעדער בעזונדער, דער חסד האט טאקע געזאגט יברא ווייל שכולם גומלי חסדים, דער אמת איז אבער געשטאנען פון ווייטען: זאגט דער אמת ניין, אל יברא שכולו שקרים, אבער וויא באלד עס זאל ניט זיין מיט אמת איז דער חסד קיין חסד ניט, דאס זעלבע צדק האט געזאגט יברא פאר וואס ווייל שכולם אוהבי צדקות, קומט צו גיין דער שלום זאגט ער אל יברא מחמת שכולם מלאי קטטות: טא ווי אזוי קאן מען טאן מיט דעם צווייטען צדקה אז מען איז גאר צו-קריגט און מען רייסט זיך גאר איינער מיט דעם אנדערען, קומט צו גיין דוד המלך ע״ה און זאגט חסד ואמת נפגשו, עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט זיין ביידע צוזאמען חסד ואמת, אז איינער וועט טהאן מיט דעם אנדערען חסד וועט ניט זיין פון גאוה וועגען וועלכע דאס איז שקר, זאנדערען דער חסד וועט זיין מיט אמת און דער צדק וועט זיך צוזאמען קלעפען מיט דעם שלום וועלכע דאס מיינט דער ווארט נשקו, אז קיינע קטטות קיין קריעג וועט ניט פארקומען נור מען וועט זיך לעבען איינער מיט דעם צווייטען בשלום ואחדות באהבה ואחוה וויא אונזערע וווילנער ברידער לעבען צווישען זיך איז טאקע דער חסד א ריכטיגער און אויך דער צדק א ריכטיגער, הלואי וואלט די קליינע אומה הישראלי אויך גילעבט איי-נער מיט דעם אנדערען בשלום ואחדות, באהבה ואחוה וואלטען מיר שוין לאנג דערלעבט בעססערע צייטען, מיר וואלטען אונזער לאנד גיהאט אונזער ביה״מק גיהאט ניט ווי מיר שטייען בייא היינטיגען טאג.

הכלל מיינע ברידער פון ווילנאר אססאסיעשאן היינטיגער אבענד איז ביי אונז ניט א זילבערנער זאנדערען א ברילִיאנטענער הלוואי וואלט זיך גיקענט דערזעלבער אבענד אויסציהען און עס זאלל ווערען פון יעד־ער סעקונדע א שטונדע און פון יעדער שטונדע א יאהר, האבען מיר זיך בעדארפט די גאנצע צייט פרייען ווייל מיר האבען דאס אליין געמאכט מיט אונזערע טהעטיגקייט, מיט אונזערע ארבייט מיט אונזערע טרייהייט איינער צום צווייטען, ווי מיר האבען פריהער גירעט, אבער מיינע ברידער, מיר דארפען ניט פארגעסען איך האב יעצט עבען גזאגט מיר אליין האבען דאס געמאכט מיט אונזער ארבייט, מיט אונזער טהעטיג־קייט ניין ! ניט מיר אליין האבען דאס געמאכט, מיר האבען נעהאט גוטע מיט ארבייטער גוטע טרייע ברידער וועלכע האבען אויך אזויא גיארבייט פיר די אססאסיעשאן ווי מיר און זיי זיינען גיוועז דער פונדא־מענט דער קארנער שטיין פון אונזער בנין וואו זיינען זיי יעצט ? דיא ערד האט זיי צו גידעקט, און וואס דיא ערד דעקט צוא מוז פארגעסען ווערען, אבער ניט ביים יעצטיגען מאמענט, מיר טארען ניט פארגעסען אין דער צייט וועהרענד מיר פרייען זיך מיט זייער שמחה, ווען זיי וואלטען גילעבט וואלטען זייא אויך גיוועז מיט אונז צוזאמען אויף דיא זעלבע שמחה ־וייל דאס וואלט גיוועז זייערע וויא אונזערע אונד פילייכט נאך מעהר ווייל זיי זיינען גיוועז די גרינדער, אם ווענינגסטען מיינע ברידער אז שבקו חיים לכל חי און זיי האבען אונז איבער געלאזען בחסד אל לאמיר אם ווענינגסטען זייערע נעמען דערמאנען, לאמיר זיי דאנקבאר זיין פיר היינטיגע שמחה וואס מיר האבען, לאמיר צו זייער עהרע זיך אללע שטעלען מענער ענד פרויען און לאמיר בעטען פיר זייערע נשומת מיט הזכרה מיר וועלען בעטען דעם חזן וועט ער מאכען הזכרת נשמות

יעצט קענען מיר זאגען אויף אונזערע ווילנער הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו, ריכטיגע פריינד פערגעסען ניט אויך נאך דעם טויט אונזער פעריין איז ריכטיגע מענשען, ליעבע ווען

מיר קומען בעטען ביי דעם אויבערסטען אלע טאג געפינען מיר אלס ליעבע ווערטער אהבה רבה, אהבת עולם, יום טוב זאגען מיר אהבת אותנו, אויף אונזער ווילנער אססאסיעשאן מאגען מיר זאגען דעם פסוק ואתם הדבקים בד' אלקיכם, פרעגט דאך די גמרא וכי אפשר להדבק בד' אלא הדבק במדותיו מה הוא רחום אף אתה רחום מה הוא חנון אף אתה חנון, און מיר האבען אויך גענומען זיינע מדות פון אהבה און וואו עס איז דא אהבה: איז שוין ממילה דא רחמניות און חנינה, און וויא באלד אז ואתם הדבקים בד' אלוקיכם וועט שוין זיין אי"ה חיים כלכם היום, און היום מיין איך טאקע יומו של הקב"ה, דאס איז אריכת ימים ושנים, און אזוי ווי איך גלויב אז איך בין דער עלטערער צווישען דיא ברידער און מיין נאמען איז טאקע ישראל אויך, וועל איך אייך רופען מיט דעם נאמען "בני ישראל" און מיר וועלען ענדיגען דאמיט וואס מיר האבען אן געפאנגען "כה תברכו את בני ישראל" צו דעם אבענד פון כ"ה צוא דיא 25 יאהריגע יובילעאום תברכו זאלט איהר בענצען את "בני" די קינדער פון סאסייטע ווער זאל בענטשען "ישראל" אמור להם יברכך ד' בממון, עס זאלל אלעמען גיין גוט אין די גישעפטען, וישמרך מן המזיקים און מיר וועלען ענדיגען מיט דעם אנדערען פסוק: ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם, דער אויבערסטער זאלל אונז העלפען און בענטשען אונז אז מיר זאללען אללע דערלעבען צו דעם 50 יאהריגע יובילעאום אמן ואמן.

א רעדע צו א ברית מילה

הרחמן הוא יברך בעל ברית המלה אשר שש לעשות צדק בגילה ותהא משכורתו כפולה ויתנהו למעלה למעלה.

דארפען מיר פערשטיין אויף וועמען גייט דער הרחמן, פיר וועמען בעטען מיר א זא הרחמן אז עס זאלל זיין משכורתו כפולה און ער זאלל איהם געבען ער זאל זיין למעלה למעלה, ווייל ער האט געמאכט צדק בגילה מיט פרייד, דיא וועלט זאגט אז דאס גייט אויף דעם סנדק דארפען מיר פערשטיין צוא קומט דאס דעם סנדק גאר אזא ברכה!

דוכט זיך דער סנדק האט גאר געדארפט בענשען דעם בעל ברית וויא אלע אורחים ווי דער דין איז אורח מברך- און ווידער האט דאך דער בעל ברית איהם מזכה גיזוען מיט א מצוה האט דער סנדק געווים בעדארפט זאגען דעם הרחמן פיר דעם אבי הילד! דערפאר וויל איך זאגען אז דאס גייט טאקע פיר דעם אבי הילד: דער ערסטער הרחמן איז פאר דעם פאטער און מוטער וויא מיר זאגען אבי הילד ואמו און דער צווייטער הרחמן איז טאקע פיר דעם פאטער אליין, ווי מיר ווערען דאס וויטער ערקלערען.

דאס איז א כלל אז "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" ווי מיר גע-פינען "היום לעשותם ומחר לקבל שכרם" נור דאס איז מעהר ניט וויא פאר דער מצוה גופא, דערפאר וואס ער טהוט דעם ציווי של השי"תב איז בהאי עלמא ליכא, אבער דא וואו עס איז פאראן אין דער מצוה בין אדם להבירו אויך דא איז שוין פאראן שכר מצוה בהאי עלמא אויך ווי מיר געפינען "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא" דיזעלבע זאך קען זיין אויך ביי יעדער מצוה וויא די חז"ל זאגען: "זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצוה" איז פאר דיא מצוה אליין טאקע בהאי עלמא ליכא, אבער פאר דעם הידור מצוה גיט טאקע דער רבש"ע אפ בהאי עלמא, דער קעמפפענער ז"ל מאכט א דיפערענט צווישען, ששון שמחה וגילה, ששון איז א שמחה פתאומיות, שמחה איז א שמחה תמידיות, דער אונטערשיד פון ששון, שמחה ביז גילה: ששון און שמחה איז בלב וואו קיינער זעהט ניט, און גילה איז א אפענע שמחה, לשון גלוי, דערמיט האב איך גיענטפערט וואס מען האט גיפרעגט פאר וואס ביי שמים שטעהט ישמחו און ביא ארץ שטעהט ותגל? וויל אין הימעל קענען מיר ניט זעהן דיא שמחה, אבער אויף דער ערד קענען מיר אויך זעהען די שמחה, וויל דאס איז בגלוי

דער דין פון ברית מילה האט אונז דער אויבערשטער געזאגט" המול לכם כל זכר" ווי דער פאטער מאכט דיא ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של א"א, איז ע"פ דין קאן דער פאטער אריין רופען א מוהל און מל זיין דאס קינד אהן א מנין אפילו, האט ער שוין אויך מקיים גיוועזן דעם ציווי פון להכניסו בבריתו של א"א, און אז א איד טהוט א מצוה האט ער אליין א הנאה, און מאכט דיא ברכה אשר קדשנו פרייט ער זיך און דאנקט דעם אויבערסטען, און בפרט נאך ביי מצות מילה, ווי מיר געפינען שש אנכי על אמרתיך: זו מצות מלה, אז א פאטער נעמט א קינד פון 8 טאג און גיט איהם צום מוהל קומט איהם געוויס שכר, נאר וואס דען: שכר מצוה בהאי עלמא ליכא' איז דער שכר היום לעשותם ומחר לקבל שכרם, אבער אז דער פאטער מאכט נאך צו דער מצוה פאראד אויך, ווי מיר זעהען אויף דעם ברית און מענשען האבען נאך הנאה פאן א סעודה אויך, ווי מיר געפינען ויעש משתה ביום הגמל, הג-מל ווי דער תלמוד זאגט, איז דאך דאס בין אדם לחבירו אויך איז פאר דעם הידור מצוה וואס מיר האבען הנאה קומט איהם שוין צו האבען דיא פירות בעו"הז, אט דאס איז דער רעיון פון דעם הרחמן הוא יברך בעל ברית המלה דאס איז דער אבי הילד, אשר שש לעשות צדק, דאס ערסטע דארף דער אויבערסטער בעצאהלען דעם בעל ברית פאר דיא מצוה אליין, אפילו ווען דער בעל ברית וואלט רופען א מוהל אליין און מל זיין דאס קינד, קומט איהם אויך שכר, און ווידער בגילה ער האט דאך די מצוה געטהאן מיט פאראד אונד גיזעהן אז דיא געסט זאלען הנאה האבען אויך, איז דאך דאס א הידור מצוה דערפאר איז דאס ותהא משכורתו כפולה אי בעו"הז פאר דעם הידור מצוה דיא פירות, און פאר דער מצוה אליין איז לעו"הב, ויתנהו למעלה למעלה דערצעהלט אונז די גמרא אין פסחים: רב יוסף בריה דר' יהושע בן לוי איז גיוועזן אין היהנער פלעט, האט דער פאטער געפרעגט זיין זאהן וואס האט ער גיזעהן, האט ער גיענטפערט עולם הפוך ראיתי, עליונים

למטה ותחתונים למעלה, די וואס זיינען דא עליונים זיינען דארטען פון די תחתונים און די וואס זיינען דא פון די תחתונים זיינען דארטען פון די עליונים, דערפאר בעטען מיר ויתניהו למעלה למעלה, דא זאלל ער זיין פון די עליונים און דארטען אויך פון די עליונים 2 מאל למעלה דאס איז דער געדאנקען פאן דעם הרחמן.

פינישען וועלען מיר מיט דעם פסוק "ולך ד׳ חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו, פרעגען שוין אללע וואס איז דאס פאר א חסד אז ער בעצאהלט יענעם נאך זיין פערדינסט ? א פולע האבען שוין גיפרעגט, א פולע האבען פארענטפערט מיט פערשידענע געדאנקען, מיר וועלען דאס ערקלערען מיט א משל א גביר האט אן געטראפען אין סטריט זיינעם א בעקאנטען, פרעגט ער ביי איהם וואס מאכסט דו ברודער ? וויא גייט עס דיר ? ענטפערט ער איהם: אוי ברודער מיר איז זייער ניט גוט, ניט גוט ניט פאר אייך געדאכט, איך געה שוין ארום מעהר וויא א האלב יאהר ליידיג מיט א פאמיליע אונד וואו בין איך געקומען ? עד ככר לחם וועלכער איז אויך ניט דא, נאר א ווייב מיט קליינע קינד-ער גילויבט דער אויבערכטער זיינען דא, הכלל ברודער עס איז באו מים עד נפש ! זאגט דער גביר צו איהם: זאג מיר ברודער צו וואס טויגסט דו ? ענטפערט ער אים, איך טויג צו אללעם נור צום מזל טויג איך ניט, איך זוך איהם און איך קען איהם נאך ניט געפינען, זאגט ער צו איהם איך דארף יעצט האבען א בוך קיפער אין מיין ביזנעס, אלזא קענסט דו דאס האבען און דו וועסט ביי מיר האבען ביז 40 טאלער א וואך דאנקט ער איהם זייער און זאגט איהם אז ער קען די שטעלע ניט אן נעהמען ווייל אין אזא ביזנעס דארף מען גיין שיין געקליידעט און איך געה קרוע ובלוע. זאגט ער צו איהם איך וועל דיר לייהען 100 טאלער און דו וועסט מיר אויס צאהלען ביסלך וויים פון די וויידזעס דיינע, טא ווי קענען מיר דאס אנרופען: גישיינקט האט ער איהם ניט, ווייל ער צאהלט דאך איהם אוים ביסלעך-וויים: וואס דען ? קענען מיר דאס

רופען א גמ״ח וועלכע מיט דעם גמ״ח האט ער איהם געראטעוועט מיט זיין גאנצע פאמיליע און אז ער ענדיגט איהם צאהלען זיין הוב, קען ער שוין בעקומען ביי דעם זעלבען באָס ווייטער א גמ״ח אוים צו צאהלען ווייל ער האט איהם פינקטליך בעצאהלט.

מיר געפינען די גמרא זאגט מי הקדמני ואשלם, כלום עשה לי מזוזה טרם נתתי לו בית כלום עשה לי ציצית טרם נתתי לו בגד, האט דען דער בעל ברית גיקענט מקיים זיין די מצוה פון להכניסו בבריתו של א״א בעפאר דער אויבערכטער האט איהם א זון גישענקט, נור אז דער אויבערסטער גיט איהם פריהער א זוהן דאן איז ער מקיים די מצות מלה, דאס איז דער מיין פון ולך ד׳ החסד כי את תשלם לאיש כמעשיהו און אז דער אויבערסטער זעהט אז מען צאהלט איהם ריכטיג, גיט ער איהם ווייטער א גמילת חסד, און אזוי ווי דער בעל ברית אונזערער האט אב געצאהלט ריכטיג דעם הוב פון מצות מלה צו 8 טאג, איז ער דאך שוין ביי איהם א בטוח, וועט איהם דער אויבערסטער ווייטער טראכטען, אין עס וועט מקוים ווערען ווי מיר האבען פריהער גיזאגט אללע און גיוואונשען דעם בעל ברית כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמע״ט ונאמר אמן.

א רעדע פיר א בעל מצוה

עדת הקדושה והנכבדה — הייליגע גיעהרטע געמיינדע

אם תתפלאו אדוני אם אגיד לכם שתשמעו מאתי חדשות אשר לא שמעתם עדנה עד היום אומר לכם אל תתפלאו: פילייכט מיינע הערךען וועט איהר זיך וואונדערען אז איך וועל אייך זאגען אז איהר וועט הערע פאן מיר זא א נייעס וועלכע איהר האט נאך ניט גיהערט פון קיין בעל מצוה באי ביז היינט זאג איך איהר זאלט זיך ניט וואונדערן האט איהר וועו גיהערט ? דאס א בעל מצוה באי זאל ארויף גיין ביי דעם ארון קודש און זאגען דאס ער האט ניט געוואלט ארויף גיין רעדען, איך גלויב אז ניט ! אבער איך זאג טאקע אז איך האב ניט געוואלט איז דאס

ביי איך א נייעס ? יעצט וועל איך אייך ערקלערען מיינע ווערטער איך האב גיפרעגט מיינע עלטערען וויא קען דאס א קינד פון 13 יאחר זיך שטעלען אין אזא גרויסע שעהנע שוהל, פיר א זא היילינע געמיינדע און רעדען וועהרענד מיר געפינען ביי משה רבינו אז דער אויבערסטער האט איהם גערופען רעדען האט איהם דער אויבערסטער געזאגט "של נעליך מעל רגליך" ווארף אראפ דיינע שיך פון דיינע פיס, "כי המקום אשר אתה עומד אדמת קודש הוא" דער פליים וואו דוא שטייסט איז היילינע ערד, די זעלבע פראגע האב איך גיפרעגט מיין רבין ווי קען דאס א קינד פון 13 יאהר זיך שטעלען רעדען פיר אזא עדה הקדושה וועה-רענד מיר געפינען אז דער אויבערסטער האט געשיקט ריידען אונזער פראפעט ירמיהו צו די אידישע פאלק האט איהם ירמיהו געזאגט ד' אלקים לא ידעתי דבר כי נער אנכי" האט מיר מיין רבי גיענטפערט זעה אבער וואס דער אויבערסטער האט איהם געזאגט "בטרם אצרך בבטן ידעתיך ובטרם תצא מרחם הקדשתיך" בעפאר איך האב דיר בע-שאפען האב איך דיר ליעב געקראגען און בעפאר דו ביזט ארויס פאן דיין מוטער האב איך דיר געהייליגט, דיא זעלבע זאך האט מיר מיין רבי ערקלעהרט איז די גאנצע אומה הישראלי, א עם קדוש ומובדל דער איד ווערט אן גערופען א קדוש מרחם והא ראיה ווען מען ברייננט אריין א קינד 8 טאג אלט צום ברית זאגט מען שוין "ברוך הבא" זאגאר ער איז נאך ניט געמלת, אלזא זעהען מיר דאס דער איד איז אב געזאנדערט פון אללע אנדערע נייישאנס, דער איד שטעהט העכער פון אללע אנדע-רע נייישאנס אויף דער ערד, דער איד שטייט העכער זאגאר פון דיא מלאכי מעלה וויא מיר געפינען כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל עם וועט קומען א צייט ווען די מלאכים וועלען פרעגען ביי יעקב אונד ישראל "וואס האט גאט געטאהן" און דו דאס הייסט איך בעלאנג שוין אויך צו די זעלבע עם קדוש ומובדל, נאר וואס דען של נעליך מעל רגליך ווארף אראפ דיינע קינדערשע געדאנקען דיינע קינדערשע טהאטען כי המקום אשר אתה עומד אדמת קודש הוא מיט דיזע ערקלערונג פון מיין רבין בין איך

נעווארען שטאלץ און דאס האט מיר גיגעבען מוטה איך זאלל ארויף גיין ריידען ווייל איך בין שוין ניט מעהר קיין קטן זאנדערען א איד א מענש מיט אלעמען צו גלייך, און אז איך בין שוין יא א מענש פערלאנג איך מען זאלל מיר האלטען פיר א מענש און אום מען זאלל מיר האלטען פיר א מענשען מוז איך מיר אויף פיהרען ווי א מענש, ווי איך האב הייטע געמאכט די ברכת התורה און געזאגט די ברכה אשר בחר בנו מיינט מען שוין מיר אויך פון הייטע אן, אונד פון הייטע אן בין איך שוין אויך גירעכענט צו 9 א 10-טער, און וואו צוויי קען אין שוין זיין א דריטער דאס מיינט ווען צוויי מענשען עססען מיט מיר צוזאמען קאן מען שוין בענטשען מיט א מזומן, ווען איך מאך די ברכה איבער ציצית אדער תפילין און איך זאג אשר קדשנו מיינט מען שוין דאס מיר אויך, דיא תפילין בכלל צייגען מיר דאס פון הייטע אן בין איך שוין א פארט-נער צו דעם אויבערסטען, אין אונזערע תפילין שטייט געשריבען ״שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד״ און אין זיינע תפילין שטייט געשריבען ״מי כעמך ישראל גוי אחד״ אלזא ווערט דאס אן גערופען דאס מיר זיינען פארטנער צו דעם אויבערסטען מיט דעם ווארט אחד ווי ער אליין האט אונז געזאגט ״וארשתיך לי לעולם״ איך האב דיך פערקנסט צו מיר לעולם צו דער וועלט צו בריאת עולם, ווי מיר געפינען ״בראשית ברא אלקים״ בשביל ישראל שנקראו ראשית, אין פרט ווידער צייגען אונז די תפילין יעדער א בעזונדערע זאך: דער של יד דארף זיין צו גידעקט כנגד הלב צו ווייזען אז פרום זאל מען זיין פיר זיך אליין, ניט ארוים צייגען יענעם אז איך בין פרום, דיא הארץ דארף זיין אין גאנצען משועבד צוא דעם אויבערסטען ווי מיר זאגען ״ואהבת את ד׳ אלוקיך בכל לבבך״ 2 מאל א טאג האב ליעב דיין גאט מיט דיין גאנצען הארצען. דער של ראש דארף זיין אב גידעקט צו ווייזען אז א איד דארף זיך ניט שעהמען מיט קיין מצוה אפילו געגען אומות העולם, ווי מיר געפינען ״וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא אליך ויראו ממך, דיא כריכות ווידער צייגען אונז אז א מענש דארף זיין צו געבונדען צו זיין גאט, צו זיינע עלטערן, צו זיינע

ברידער פון זעלבען ארדען סאנס אף איזדאעל "בני ישראל" צוא זיינע מיטמענשען צו זיין קאונטרי וועלכע דאס איז די ששה חובות לאדם וועלכע איך האפף אונד בעט דעם ליעבען גאט ער זאל מיר העלפען איך זאל קענען זיין א ריכטיגער איד פאר איהם, א גוטער ברודער צו מיינע ברידער פון זעלבען ארדען, סאנס אף איזראעל בני ישראל א גוטער ניצליכער מענש צו מיינע מיטמענשען אונד א גוטער סיטיזען צו מיין קאנטרי אונד אום צו צי קומען צו די אללע זאכען מוז איך בעטען דיא זעלבע וואס אונזער קינג סאלאמאן האט גיבעטען, מיר געפינען ווען דער אויבערסטער האט געזאגט צו איהם "שאל מה אתן לך" בעט וואס איך זאלל דיר געבען" האט ער קיין זאך ניט גיבעטען נור א לב חכם ונבון, א קלוגע און פערשטענדיגע הארץ,, דאס זעלבע מוז איך אויך בעטען ביי דעם יעצטיגען מאמענט, ולכם אבותי היקרים תודה מה אשיב על כל הגבולכם עלי, צו אייך מיינע טהייערע עלטערען מיט וואס קאן איך אייך דאנקען וועהרענד אז אללע אייערע שולדען זיינען נאך אללע אויף מיר אונד איך האב נאך גאר ניט אן געפאנגען צאהלען ואי לזאת אונד דערפאר בתוך קהל ועדה תודתי ותפלתי אביע פיר די גאנצע פערזאמעלטע געמיינדע מוז איך מיין דאנק אונד גיבעט אויסדריקען און זאגען:

אודך אלוהי אדון היצירום
תתה לי אבות טובים וישרים

איך דאנקע דיר גאט פיר דיא גאבע
וואס איך גוטע עלטערען האבע

יחושו בעדי מבוקר עד ערב
להכין צרכי לתת לי טרף

אימער צו פון טאג ביז נאכט
האט איהר אללעס פון מיר געטראכט

בעדכם הורי אשא תפילה
לשוכן שחק יושב תהילה

פיר אייך מיינע עלטערען בעט איך גאטט
דער וואס הימטעל אונד ערד בעשאפפען האט
להריק עד בלי די ברכתו אליכם
ויאריך בטוב ובנעימים ימיכם
ער זאלל צו אייך זיין זעגען געבען
דאָס איהר זאלט צום נרויען עלטער דערלעבען
ותזכו לימי גבורותיכם
לראות דור רבעי מבניכם
ענד איהר זאלט עררייכען פון יאהר צו יאהר
זעהן פון אייערע קינדער א פיערטען דור

אונד צו אייך ווערטהעס פובליקום דערפאר וואס איהר האט מיר אַייער אויפמערקזאמקייט גישענקט אונד מיט געדולד מיר אויס גיהערט וועל איך זאגען דאס זעלבע וואס דער חזן האט ניט לאנג געזאגט: מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב הוא יברך וכו׳ עד וכל אשר להם אונד צו אייך ווערטער פרעזידענט וויים אונד אפיסערס דערפאר וואס איהר האט מיר אייער ערלויבענים גיגעבען צו רעדען, וועל איך פיניש-ען דעם זעלבען מי שברך אָון אנפאנגען וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה וכו׳ עד ונאמר אמן, דאנק.

פיר דעם טיטשער צו רעדען
נאך דעם בעל מצוה רעדען

אין אמעריקא איז דער ארדנונג דאס ווען עס קומט אַריין א נייער מעמבער אין ענע קאנגרעגיישאן אדער ארגאניזיישאן שטעלט דער פרע-זידענט פאר דעם נייען ברודער פיר די איבריגע ברידער דאס האט מיר געבראכט ארויף צו גיין היער ביי דעם ארון קודש, די ערסטע זאך וויל איך דיר אונזער נייער ברודער פארשטעלען פיר די איבריגע ברידער זא גאר איך בין ניט קיין פרעזידענט, ווייל איך האב געקראגען די אוטא-

ריטעט, נור דעם אמת וועל איך דיר זאגען מיין יונגער ברודער איך בין ארויף גיגאנגען זיך דורך ריידען מיט דיר ווייל דו ביזט שוין מיינער א ברודער אינטערעסיר איך מיך מיט דיר אונד נאך פרעגען זיך, זאג מיר אקארסט מיין יונגער נייער ברודער דו האסט ניט לאנג אונז געזאגט דאס דו ביזט געווארען א פארטנער מיט דעם אויבערסטען וואס און ווי האט איהרביידע אב גירעדט אב געמאכט ווי זאלל זיין אייער פארטנער שיפ וואס זאללסט דו נעהמען, וואס זאלל ער האבען? איך דיינק אז דו ווייסט נאך גאר ניט, ווייל דו ביזט נאך יונג, וועל איך דיר זאגען דיא זעלבע ווערטער וואס משה רבינו האט געזאגט צו די אומה הישראלית "את ד' האמרת היום" מיט גאט האסט דו אב גירעדט היינט, דאס ווערט אן געריפען א אבמאך א אפרייד "להיות לך לאלהים" אז ער זאלל זיין צו דיר א האר דאס מיינט ווי מען זאגט אין אמעריקא איבער דיר דער באס מיט וואס? ללכת בדרכו צו גיין אין זיינע וועגען "מה הוא רחום אף אתה רחום" "ולשמור חוקיו ומצותיו" צוא היטען זיינע לאעס ומשפטיו זיינע דזעסטעס מיט איין ווארט: ולשמוע בקולו צו הערען אללעס וואס ער הייסט, דאס איז דיין פארט וואס דוא האסט צוא טהון אין דעם פארטנער גישעפט, "וד' האמירך היום" ווייסט דוא וואס האט ער דיר צוא געזאגט וואס ער וועט אריין לייגען אין דיא פארטנערשיפ! "להיות לו לעם סגולה" אז דו וועסט זיין בייא איהם די געליעבטע פאלק וויא מיר זעהען בייא הייטע צוא טאגע אז פון דיא גרעסטע פעלקער וועלכע האבען אמאל עקסעזיטירט איז היינט קיין שריד ופליט געבליבען, און דיא קליינע "אומה הישראלי" האט עקזיסטירט און עקזעסטירט און וועט עקזעסטירען וויא מיר געפינען "כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות כך אי אפשר בלא ישראל" וויא דער אויבערסטער האט זיך אליין אויס געדריקט "ישראל אשר בך אתפאר" דאס איז זיין פארט וואס ער האט

דיר צו געזאגט וואס דו ווערסט האבען, מיינסט דו אפשר דאס ער וועט אויך געהמען פון די ביזנעס ניין ער דארף גאר ניט, ווי ער האט אליין געזאגט "ואם תצדק מה תתן לו" נור וואס דען "ולתתך עליון על כל הגוים לשם ולתפארת" ווי דער אויבערכטער רופט אן "בני בכורי ישראל" נור ווייסט דו ווי מען קען צו קאמען צו די אללע זאכען וועל איך דיר דערציילען א געשיכטע: א מאל איז געקומען א מאן צום ווילנער גאון און גיבעטען "רבי איך מוז ארוים פאהרען אויף דער גרויסער וועלט, גיט מיר עפעס א ברכה, גיט מיר א לעטטער אויף התקרבות" האט ער איהם א פערמאכטען לעטטער גיגעבען, יענער האט איהם געדאנקט און איז אוועק געפאהרען, ער איז אריין געקומען אין די ערשטע שטאט אונד זאגט ער האט א לעטטער פון ווילנער גאון, מען עפענט אויף דעם לעטטער מען געפינט א ליידיגען פייפער נור אם ענדע פון פייפער איז געשטאנען מ" י" מ" י" ער איזט געקומען צוריק צום גאון פרעגען וואס דאס בעדייטעד האט ער איהם גיענטפערט דאס איז די בעסטע ברכה די בעסטע התקרבות, דאס מיינט "מעשיך יקרבוך מעשיך ירחקוך" דיא זעלבע זאג איך דיר אויך "דוא געהסט אויך יעצט הערוים אויף דיא גרויסע ברייטע וועלט אויף דיין אייגענעם רעכנונג, דער פאטער דיינער האט שוין געמאכט די ברכה "ברוך שפטרני" גידיינק זע און ניט פאר-געסס די 4 בוכשטאבען מ" י" מ" י", און איך ווינש דיר דאס דער אוי-בערסטער זאלל דיר געבען דיין פערלאנג וואס די האסט פריהער גיבע-טען ביי דעם אויבערסטען א "לב חכם נבון להבין בין טוב לרע" למען יטב לך והארכת ימים אמן.

א רעדע צוא א בר מצוה (2)

ראש הערה, סגן, עדה נכבדה

ווערטהער פרעזידענט וויס אונד ווערטהע פערזאמעלטע!

היום הזה נהייתי חבר לעם, דיעזען טאג בין איך געווארען צוא א פאלק א מעמבער, צוא וואס פאר א פאלק וועלכע זיא רופט זיך עם

ישראל א פאלק וועלכע דער אויבערסטער רופט איהר מיט פערשיעדענע געמען "בני בכורי ישראל" עם סגולה א געליעבטע פאלק. וועלכע זי איז א קעניגרייך פון כהנים און א הייליגע פאלק וויא דער איד ווערט אן גערופען א קדוש מרחם ווי מיר געפינען אז דער אויבערסטער האט גע-זאגט צו ירמיהו הנביא בטרם תצא מרחם הקדשתיך בעפאר דו ביזט פון דיין מוטער הערוים האב איך דיר געהייליגט ווי מיר זעהען אז מען טראגט הערין א בייבי אכט טאג אלט צום ברית זאגט מען שוין "ברוך הבא" זאגאר ער איז נאך ניט גע-מלת, א פאלק וועלכע דער אויבערסטער אליין האט געזאט ישראל אשר בך אתפאר, און צו דיזע פאלק בין איך היינט געווארען א מעמבער און אין דעם אשר בחר בנו בין איך שוין אויך גערעכענט פון הייטע אן אין דעם בנו און אין דעם לנו.

וועלען מיר פארשטעלען א צווייטען וועלכער שטעהט זיך אן א זייט און הערט מיר רעדענדיג און אויסרעכענדיג די אללע מעלות אונד גרויסקייט פון אונזער פאלק, און גיט מיר א פרעג און וואס איז מכח עם עני ואביון?, האסט דו פארגעססען אן עם עני ומותכה, א עם כבושה בגולה, א פאלק וועלכע האט קיין היים ניט, א פאלק וועלכע זיא איז גיגעבען געוואַרען למשיסה ולבז ווי מיר זעהען ביי הייטע צו טאגע אין פוילען און אוקריינע, ווי מיר זאגען מאנטאג און דאנערכטאג "הבט משמים וראה כי היינו לעג וקלס בגוים" מיר זיינען געוואָרען צו שפאט און צו שאנדע ביי אללע פעלקער, נחשבנו ווען האבען מיר יע א חשיבות אז כצאן לטבח יובל אז עס קומט א מלחמה און מען דארף מיר זאלען אונזער לעבען א וועג געבען אויף דער מלרמה פעלד דאן האט דער איד א ווערט, דאן איז ער גירעכענט פיר א פאלק, פרעגט ער ביי מיר נוא וואס זאגסט דו איצטער מיט דיין יחוס ? יעס ענטפער איך איהם: נעם דעם צוזאג וואס דער אויבערסטער האט אונז הערוים גיגעבען בכתב, ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם אז קיין כליה אויף אידען קען קיין מאל ניט זיין, והא ראיה: וואו זיינען

די כסלוהים, פתרוסים די אשורים די אימים וועלכע האבען אויף אלעמען מטיל אימה גיוועןץ. איז שוין לאנג פון זיי קיין זכר ניטא, און אונזער אומהלע די קליינע לעבט און וועט לעבען, ווייס דו ווארום? וויא איך האב פריהער געזאגט אז דער אויבערכטער האט אונז הערוים גינעבען בכתב: לא מאסתים ולא גאלתים לכלותם און האט זיך אונטער געשרי-בען "אני ד'" און דאס וואס מיר ליידען איז וויא דער פסוק זאגט אונז אין תהילים "לו עמי שומע לי ישראל בדרכי יהלכו כמעט אויביהם אכניע ועל צריהם אשיב ידי" און פון דיינע אללע רייד זעהן מיר דיא גרויסקייט און איך בין שטאלץ מיט היינטיגען טאג אז פון הייטע אן בין איך א ריכטיגער מעמבער צו דעם גרויסען וועלט ארדען "סאנס אף איזראעל" "בני ישראל" וועלכע דער גרענד מייסטער איז "אלקים"

יעצט וויל איך רעדען א פאר ווערטער צו מיינע עלטערן אונד פרעגען ביי זיי מיט וואס קען איך זיי צאהלען דעם גרויסען חוב וואס איך בין זיי שולדיג. פיר זייער ארבייט, פיר זייערע אומרוהיגע טעג און נעכט, פיר זייערע טרעהרען וואס זיי האבען פערגאסען אין פערשידענע צייטען זינד איך בין ארויס אויף דער וועלט ביז הייטע צו טאגע. דעם טאג פון בר מצוה, אונזער תורה הקדושה האט אונז זאגאר גיגעבען א גרינגע אבצאהלונג מיט וואס צו צאהלען דען גרויסען חוב וועלכע עס בעשטעהט נור פון 5 ווערטער ווי מיר געפינען אין 5טען דיבור פון עשרת הדברות "כבד את אביך ואת אמך" דוכט זיך עס זאגט זיך גאנץ גיך און גרינג טהוען מיר עס אזוי? די וועלט זאגט אפילו: אז פון זאגען ביז טהון איז ווייט, אבער ניט ביי אזא זאך, ווען זאגאר עס וואלט ניט געשטאנען אנגעזאגט אין די 10 געבאט וואלט מען דאס אליין בעדארפט טהון, נאך אין א ארט זאגט אונז די תורה איש אמו ואביו תיראו, יעדער זאל מורא האבען פיר זיין מוטער און פאטער, טהוען מיר עס אזוי? מילא מורא האבען וואלט מען נאך גיקאנט פיליכט געפינען א זכות ווייל מורא האט מען נאר פיר א שלעכטען אבער ניט פאר א גוטען, און אללע עלטערן זיינען גוט צוא קינדער, וואלטען אללע קינדער גיוועןן גוט אזוי צו די עלטערן און פאר א גוטען דארף מען קיין מורא האבען, אלזא

וואס האב איך געטהאן פיר מיינע עלטערן ביז יעצט, און איך וואלט נאך געוואלש פראגען ביי מיינע יונגע חברים וועלכע זיינען דא יעצט אין שוהל: בני גילי כמוני וואס האבען זיי געטאהן פיר זייערע עלטערן ביז יעצט און וואס דענקען זיי צו טאהן אויף ווייטער פיר זייערע על-טערן, מיט וואס דיינקען זיי צו צאהלען דעם גרויסען חוב וואס וואקסט פון טאג צו טאג אלץ גרעסער און גרעסער.

דערפאר דענק איך בעטען דעם אבינו שבשמים וועלכער ער איז מיין זיידעס א פאטער, מיין פאטערס א פאטער און מיינער אויך, ניט קיין זיידע נור טאקע אויך א פאטער, וועל איך איהם בעטען "לב טהור ברא לי אלקים ורוח נכון חדש בקרבי" דאמיט וועל איך קענען זיין א עובד ד' באמת, א גוטער קינד צו מיינע עלטערן א נוטצבארער מענש פיר די וועלט א משמח לב אלקים ואנשים והיה זה שכרם אמן.

דיינק.

א בר מצוה רעדע (3)

ווערטהע פריינדע

ברוכים אתם לד' עושה שמים וארץ

גיבענשט זייט איהר צו גאט דער וואס הימעל אונד ערד בע-שאפען האט, דיזע 6 ווערטער הערט פון א יונגען קינד וועלכער איז צו אייך יעצט געקומען מיט א גרויסען דרעססינג קיים אלטע זאכען, איך וויל זאגען דען געדאנקען וועלכען רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט הרי אני כבן שבעים שנה, ווען רבי אלעזר בן עזריה איז געווארען א נשיא זאגט אונז דער תלמוד איז ער אלט געווען 18 יאהר, נאר גאט האט א וואונדער געמאכט דאס ער איז גראה געווארען ווי א 70 יאהריגער מאן אום אללען זאללען איהם שעצען אין אכטען.

איך בין הייטע 13 יאהר געווארען איך בין איינינע מאל אין שוהל גיוועןן קיינער האט מיר ניט געאכטעט 13 יאהר זיינען פערגאנגען, איך האב 13 זאמערען און ווינטערען גיזעהען אבער דאס האב איך ניט גיזעהן אז מען זאל מיר רעכענען צו א מנין, אז מען זאלל מיר רעכנען צווישען עלטערע מענשען, מען זאל מיר רעכנען לדבר מצוה, וואו 2 האב איך ניט געטארט זיין א דריטער דאס מיינט ווען איך האב גיגעסען מיט 2 לייטע צוזאמען האט מען ניט

גיקענט בענטשען מיט קיין מזומן און ווער ווייס ווי לאנג עס וואלט נאך א זוי אוועג געגאנגען ווען אונזער תלמודיסט יהודא בן תימא וואלט נית אוועק גישטעלט בן שלש עשרה שנה למצות אז א קינד פון 13 יאהר האט אללע מצות דיא זעלבע וויא דער אלטער איד פון 70 יאהר, די אללע תרי״ג מצות וועלכע דער 70 יאהריגער איד איז מחויב צוא טאהן, די זעלבע בין איך אויך מחויב צו טאהן פאן הייטע אן, די זעלבע אלטע תורה וועלכע דער 70 יאהריגער איד האט, די זעלבע האב איך שוין אויך די ברכת התורה וואס דער 70 יאהריגער איד מאכט האב איך הייטע אויך געמאכט, הכלל הרי אני כבן שבעים שנה איך בין גלייך צו דעם 70 יאהריגען איד לכל דבר שבקדושה.

איך בין ווירקליך שטאלץ אויף דער ברכה וואס איך האב היינט גימאכט אשר בחר בנו ווייל דאס מיינט מיר שוין אויך כאן הייטע אן, פאן הייטע אן בעלאנג איך שוין אויך צו דעם אידישען נאציאן, פאן הייטע אן בין איך שוין אויך גירעכענט צו 9 א 10טער, און וואו 2 קאן איך שוין זיין א דריטער.

א גליקליכער טאג איז הייטע פאר מיר וואס מען האט מיר אריין גענומען אין אזא ארדען וועלכע איהרע קאנסטיטוציאן קען נעוועך פערביטען ווערען, אזא ארדען וועלכע מיינע ברידער (מיט שטאלץ רוף איך זיי ברידער ווייל פאן הייטע אן בעלאנג איך שוין אויך צום זעלבען ארדען) האבען פאר זיי זייער לעבען פערלארען דורך פערשידע-נע אינקוויזיציאנען, וויא מיר זאגען עשה למען הרוגים על שם קדשך עשה למען באי באש ובמים על קידוש שמך, נור פיר וואס פיר דעם פאס-ווארט ״ד׳ אחד״ שטאלץ בין איך דאמיט וואס איך קום הייטע אריין אין אזא וואונדערבארע נאציאן וועלכע זי איז די קלענסטע אין דער וועלט אין דאך עקזיסטירט זי טויזענדער יאהרען וועהרענד פאן דיא גרעסטע אונד שטארקסטע איז שוין לאנג קיין זכר ניטא, וואו זיינען די כסלוחים פתרוסים די אימים, וועלכע האבען אמאל מטיל אימה גיוועז אויף אלעמען

די אשורים די בבלים און אונזערער אידעשע נאַציאן לעבט און זועט לעבען ווייסט איהר ?וארום ווייל אונזער גרענד מייסטער איז אלקים!
און דער זעלבער גרענד מאסטער האט אריין גישטעלט אין זיין קאנסטי-טוציאַן וואס ער האט אונז גיגעבען "וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא נקרא עליך ויראו ממך" זאגט דער תלמוד אלו תפילין שבראש דער של ראש זאלל זיין אפ גידעקט אום אללע זאללען זעהען וועלען זיי מורא האבען, דאס האט דער גרענד מייסטער אריין גישטעלט "נור צוליעב אונזער עקזיסטענץ, ווי מיר זעהען הייטע צו טאגע דאס אונזער קליינע אומה עקזיסטירט לייגער ווי די גרויסע, דער של יד ווידער דארף זיין צו גידעקט ווייל דאס איז כנגד הלב צו ווייזען אז הצנע לכת עם אלקיך א איד זאל מען זיין ביי זיך דערהיים, אין שוהל און אין הארצען אין סטריט א מענש צו דער וועלט, די כריכות ווידער ווייזט אונז אז א איד דארף זיין צו גיבונדען צו זיין גאט, צוא זיינע ברידער, צוא זיינע מיט מענשען און צו זיין קאנטרי, וועלכע איך האפפע דאס דער ליעבער גאט וועט מיר העלפען דאס איך זאלל קענען זיין א נוצבארער מענש פיר דער וועלט, א גוטער ברודער צו מיינע ברידער פון דעם זעלבען ארדען,

אונד אייך מיינע ליעב עלטערן בין איך ניט אימשטאנדע אייך צו דאנקען ווייל נאך מיין מיינונג איז נאך ניט גיבארען געווארען דער יעניגער וועלכער זאל אימשטאנדע זיין צו דאנקען זיינע עלטערן פיר זייער מיהע, דערפאר מוז איך פיר די גאנצע געמיינדע מיין דאנק אויס דריקען און זאגען [דעם שיר וועט מען געפינען אין דיא רעדע פאן נומער 1, פיידזש 21, ביז ונאמר אמן].

א בר מצוה רעדע (4)
"ואני תפילתי לך ד' עת רצון"

לב טהור ברא לי אלקים
ורוח נכון חדש בקרבי

שומעים נכבדים ! געהרטע צוהערער !
אם תתפלאי אדוני על אשר הרהבתי עוז בנפשי לגשת מול ארון הקודש בתפילתי לפני אדון כל, אומר לכם אל תתפלאו, פיליכט מיינע הערען וועט איהר זיך וואונדערן וואס איך האב מיר ערלויבט צו נעהמען דיא פרייהייט צו צוגיין צום ארון הקודש מיט מיין גיבעט, זאג איך אייך איהר זאלט זיך ניט וואונדערן, ווייל איך וויים ווען איך דארף עטוואס בעטען פיר מיר, פון מיינע עלטערן, מוז איך זעהען די צייט דאס זייא זאלען מיר ווערען אוים הערען אונד אויב די צייט איז ביי זיי ניט פער-נומען מיט אנדערע זאכען אז זיי זאלען מיר ניט ווערען אויסהערען דער-פאר אז איך בין יעצט געקומען בעטען ביי דעם אבינו שבשמים האב איך אויך גיבעטען א "עת רצון" ער זאלל מיר ווערען אויסהערען דאס איז די עקספלענעישאן וואס איך האב מיר ערלויבט צו צוגיין צום ארון קודש און בעטען א „עת רצון"

יעצט קומט די עקספלענעישאן פון מיין תפלה קצרה וואס איך האב מיר אוים געקליבען נור איין פסוק, און דעם פסוק „לב טהור" דער תלמוד זאגט אונז מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא, אז מיר ווילען וויסען ווי עס פיהרט זיך אין מלכותא דרקיע, דארפען מיר זעהען וויא עס פיהרט ויך אין מלכותא דארעא, אין מלכותא דארעא זעהען מיר אז די סאלדזוערם וואס ווערען אן גערופען עובדי המלך האבען בעזאנ-דערע יוניאן פארמס אום אללע זאללען וויסען אז זייא זיינען ניט קיין גיוועהנליכע מענשען זאנדערן זיי בעלאנגען צו די "עובדי המלך" דיא יוניאן פארם מוזען זיי אימער טראגען, און וועהרענד אז זיי גייען ארוים אין דער מלחמה דאן מוזען זיי אויך טראגען אויף זיך זייערע ראנצעס

װעלכע אין די ראנצעס ליגט אללעס װאס זיי נעטהיג האבען, אויך איז פאראן יונגע קינדער װעלכע גייען אויך אריין אין דיענסט, אונטער דעם נאמען ״סקאוטס״ און אויך די יונגע סאלדזוערס מוזען אויך טראגען דיזעלבע יניאן פארם פאן די גרויסע סאלדזוערס, געװעהנליך זייא גייען נאך ניט אין א גרויסע מלחמה, אבער מען לערנט זייא און זיי טראגען אויך ראניצעס אבער געװעהנליך קליינע ראנטשעס װייל גרויסע שװערע װעלען זיי ניט

קענען טראגען, די יוניאן פארם מיט די ראנטשעס מוזען אללע סאלדזוער די קליינע װי די גרויסע האלטען קלין, ריין, פריינדע איך בין חייטע אויך א סאלדזער, איך בעלאנג שוין אויך צו די עובדי המלך ״מלכו של עולם״ די יוניאן פארם פאן אונזערע עובדי המלך ״מלכו של עולם״ איז דער טלית ותפילין זעהענדיג די יוניאן פארם אויף אונז װייסען שוין אללע אז מיר בעלאנגען צו דיא עובדי המלך, און װעהרענד אז מיר דארפען ארויס געהן אויף א מלחמה האבען מיר אויך ראנטשעס נור דער דיפערענט איז: אללע געװעהנליכע סאלדזוערס טראגען די ראנטשעס פון אויבען אויף די פלייצעס, און מיר טראגען אינסייד, װייסט איהר װאס אונזערע ראנטשעס איז ״די הארץ״ אין די ראנטשעס ליגט אללעס אריין געלייגט גוטע און שלעכטע זאכען װאס מען דארף און מען דארף ניט, װי דער פסוק זאגט ולא תתורו אחרי לבבכם״ דער אלטער סאלדזוער טראגט דעם גרויסען ראנעטש דעם שװערען און נאכהער אז ער קומט צוא א מלחמה, מלחמת היצר מלחמת החיים מוז ער אוים קלייבען די גוטע פאן די שלעכטע װאס עס געפינט זיך אין זיין ראנעטש אונד עס קען א מאהל אזוי אװעק גיין א צייט איידער ער געפינט זיינע נוי־טהיגע גוטע זאכען װאס ער דארף צו די מלחמה, איך אבער אלס יונגער קינד נייער סאָלדזוער װעלכער איך טראג שוין אויך די יוניאן פארם פון די עובדי המלך דעם טלית ותפילין װי די הז״ל זאגען וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך, אלו תפילין שבראש, אללע װייכען אללע

זעהען אז איך בעלאנג שוין אויך צו דעם מלכו של עולם, מוז איך דאך אויך טראגען א ראנעטש, איך בין דאך אבער יונג קיין שווערען ראנעטש ניט איך קען און ניט איך וויל טראגען, דערפאר האב איך געמאכט א תפילה קצרה אום עס זאל אריין אין מיין קליינעם ראנעטש.

כן יעס! עברתי גבול הילדות איך בין אריבער דעם גרעניץ פון קינדהייט, איך בין שוין ניט קיין קטן, היינט בין איך שוין א איש בין אישים, א גבר בין גוברין, א מאן צווישען מענער, איך האב שוין אויף זיך דעם חוב פון תרי״ג מצות אין דער ברכה וואס איך האב היינט גימאכט אשר בחר בנו צו קריאת התורה בין איך שוין אויך אין דעם בנו, אין דעם לנו אבער דאס איז נור ווי רבי אליעזר בן עזריה האט געזאגט הרי אני כבן שבעים שנה, אבער נאך ניט קיין שבעים שנה ביז שבעים שנה האב איך נאך מעהר ווי איין בארג ארויף צו גיין ביז איך וועל צו קומען צו דעם הר ד׳ צו זיין א ריכטיגער עובד ד׳ גיט זיך דוך המלך א פרעג מי יעלה בהר ד׳ ומי יקום במקום קדשו? נקי כפים אמתע ניט קיין ווייסע גלאווס, ובר לבב ניט קיין ווייסע אויבער העמד, נור דאס מיינט טאקע א "ריינע הארצ" אז עס זאל זיין הן שלך צדק ולאו שלך צדק, און אז א מענטש האט אין זיך די מעלה פון הן צדק ולאו צדק קען ער זיין א אהוב לבריות און ווען ער איז א אהוב לבריות איז ער א אהוב למקום ווי דער תנא זאגט אונז אין אבות כל מי שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, דערפאר האב איך גיבעטען א "לב מהור" און אזוי ווי איך האב פריהער געזאגט אז פון קינדהייט בין איך שוין ארויס און היינט בין איך שוין א נייער מענטש, א איש בין אישים א גבר בין גוברין און פאר א נייעם מענ-שען בעט איך ביי דעם "מלכי של עולם" ער זאל מיר בעניישן מיט דעם רוח נכון פון א לב טהור, ואז אשמה לב אלקים ואנשים ולב הורי היקרים ומעומק הלב אברך את הורי היקרים שיתן לכם מלכו של עולם אריכת ימים ושנים, לראות בנים ובני בנים המשמח לב אלקים ואנשים אמן ואמן

א בר מצוה רעדע (5)

לא ידעתי דבר כי נער אנכי (ירמיהו א׳ י)

איך מוז אנפאנגען מיט די ווארטען פון אונזער פראפעט ירמיהו לא ידעתי דבר כי נער אנכי, איך וויס ניט צוא רעדען, ווייל איך נאך יונג בין, דענאך דאנקע איך אונזער באשעפער פיר זיינע גנאדע וועלכע ער מיר געשאנקען האט, דאס איך זאל באעהרט ווערען מיינע קליינע געדאנקען פיר דאס גרויסע גיעהרטע צוהערער פאר צו טראגען צו מיינע 13 יאהריגע גיבורטסטאג, דיזע 13 יאהריגע גיבורטסטאג ווירד בייא יעדען איינעם פון אונזער גלויבענס גענאססען געפייערט מיט גרויס פאראד מיט גרויס פריידע פון דעם קינד זעלבסט, צו דיזען 13 יאהרי-גען גיבורטסטאג האבען אונזערע חכמים אונז אן גיזאגט אין תלמוד בן שלש עשרה שנה למצות, א זאהן פון 13 יאהר בעלאנגט ער שוין צוא אללע מצות פון דער הייליגער תורה צו דיעזע 13 יאהריגע געבורטסטאג האט מען דעם קינד גיגעבען די ערשטע מצוה פון ״הנחת תפילין״ צוא לייגען תפילין, וואס צייגט די תפילין? די תפילין צייגט דאס פון דעם טאג אן וועהרענד ער פאנגט אן צו לייגען תפילין פעראייניגט ער זיך שוין מיט די גאטהייט, דאס הייסט ווי מיר געפינען אין תלמוד הקב״ה מניח תפילין, פרעגט דער תלמוד ״תפילין דקודשא בריך הוא מה כתיב בהון״ אין די תפילין פון הקדב״ה וואס איז געשריבען אין זיי? זאגט דער תלמוד ״מי כעמך ישראל גוי אחד״ אלזא פעראייניגען מיר זיך מיט די גאטהייט מיט דעם ווארט אחד אין אונזערע תפילין שטעהט אחד אונד אין זיינע תפילין שטעהט אחד,

די כריכות ווידער וואס מען האט אונז אן געזאגט אין דער היי-ליגער תורה וקשרתם לאות על ידיך, איהר זאלט זיי בינדען צום צייכען אויף דיינע הענד, קאנען מיר זאגען אז מען האט אונז גיהייסען בינדען צום צייכען אז פון דען טאג אן ווערט שוין דער קינד צו געבונדען צו זיין רעליגיאן צו זיין נאציאן ער גייט שוין ארויס פון זיין קינדערישע יאהרען

אונד קומט אריין אין די הייליגע רעליגיאן אלזא מוז ער צוערשט אראפ ווארפען פון זיך די קינדערישע טהאטען, ווי מיר געפינען אז משה רבנו האט געזאגט אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה ווערענד ער האט בעדארפט צו קומען דעם ערשטען מאל האט דער אויבערשטער געזאגט של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד אדמת קודש הוא, ווארף אראפ דיינע שיך פון דיא פיס וויל דער פליים וואס דיא שטייסט איז הייליג, אלזא מוז דער קינד צוערשט אראפווארפען פון זיך צוערשט זיינע קינדערישע טהאטען, דוד המלך ע״ה האט אויך געזאגט פריהער "סור מרע נאכהער ועשה טוב" פריהער דארף מען אוועק ווארפען די קינדערשע נארעשקייט אונד דאן אריין קומען אונטער דעם נאמען מענטש און ווען מען קומט אריין אונטער דעם נאמען מענטש מוז מען זיך אויפפיהרען ווי א מענטש. און ווען מען פיהרט זיך אויף וויא א מענטש דאן אכטעט מען איהם און מען שעצט איהם אללע, דער ווארט אללע מיינט ניט גראדע אונזער גלויבענס גענאסען, אללע נאציאנען, אללע פעלקער קאנען און וועלען איהם אכטען וויא מיר געפינען "וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך, אללע נאציאנען פון דער וועלט וועלען זעהען אז גאטטעס נאמען איז אויף דיר וועלען זיי מורא האבען פיר דיר, וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך זאגט דער תלמוד אלו תפילין שבראש אלזא האבען מיר ערקלערט וואס עס צייגט תפילין, תפילין של יד און תפילין של ראש, אללע צייגען אונז אז פון דעם טאג אן וואס דער קינד פאנגט אן צו לייגען תפילין מוז ער זיך אויף פיהרען ווי א מענטש, ווי אזוי פיהרט מען זיך אבער אויף ווי א מענטש וועלען מיר דאס ערקלערען מיט א מאמר חז״ל וואס מיר געפינען אין מסכתא שבת, ג״ה חנוכה בית שמאי אומרים פוחת והולך ובית הלל אומרים מוסיף והוליך, די חנוכה ליכט זאגט בית שמאי אז אללע טאג זאל מען אנצינדען איינע ווענינער, אנפאנגען פון 8 און אללע טאג מיט איינע ווענינער, און בית הלל זאגט מוסיף והולך אללע

טאג מיט איינע מעהר, אנפאנגען פון איינס און אללע טאג מיט איינע מעהר, צו פערשטיין זייערע געדאנקען וויל איך ערקלערען נאך אונזערע געדאנקען ווי מיר האבען דא גירעדט דאס בית שמאי זאגט פוחת והולך גייט דאס געגען מענטשענס לעבען, דארפען מיר מאכען מיט איינע וועניגער צו ווייזען אז אללע טאג ווערט אלין דעם מענטשענס לעבען וויינינגער, בית הלל אבער זאגט אז מיר דארפען זיין א מוסיף והולך וויל דער מענטש מוז זיין א מוסיף והולך אללע טאג און ווען דער מענש איז אללע טאג א מוסיף דאן ווערט ער אן גערופען א הולך ומוסיף אין גאטהייט א מוסיף אין מענשהייט, א מוסיף אין מידות טובות און און אויב ער איז ניט קיין מוסיף איז ער ניט קיין הולך זאנדערן א עומד און מיר ווייסען ביי די מחלוקת פון בית שמאי ובית הלל איז הלכה כב"ה בעט איך ביי דעם אלמעכטיגען גאט ער זאלל מיר העלפען וויל הבא לטהר מסעיין אותו, און איך האפף אז איך וועל אויך טאהן וויא דער דין איז צו זיין א מוסיף והולך בדרך הישר המשמח את אלקים ואנשים

ולכם אבותי היקרים צו אייך מיינע טהייערע עלטערען תודה מה אשיב כי כל תגמולכם עלי, מיט וואס קען איך אייך דאנקען וועהרענד אללע איירע שולדען וואס איך אייך שולדיג בין איז נאך אללעס אויף מיר און איך האב נאך גאר ניט אן געפאנגען אוים צו צאהלען.

[דער שיר ווערט געפינען אין די רעדע פון נומע 1, פיידז 21, ביז ונאמר אמן.

א רעדע ספעשעל געשריבען פיר א יונגען באי 15טע יאהר אלט [וויליאם גרינבערג] פון רעוויער, ביי זיין ערהאלטען א גאלד מעדאל פון קאנגרעגניישאן תפארת ישראל רעוויער

יום א' דען 16טען דזשענוארי 1921

ווערטהער פרעזידענט אפיסערס און מעמבערס!

מיינע יאהרען איז אייך אלעמען בעוואוסט דאס זיי זיינען נאך יונג מיינע גידאנקען ווייס איך אז זיי זיינען קליין, אבער מיין הארץ איז פול, דאס פיהל איך אז זי איז איבער פול מיט וואס? מיט דאנקבארקייט

צוא אייך מיינע פריינדע, דאס פיר קיין ווערטער איז שוין דארטען קיין פליים מעהר פאראן, יעצט מוזען שוין מיינע ווערטער הערויס גיין פון מיין הארצען און ווי באלד אז זיי זיינען דברים היוצאים מן הלב מוזען זיי זיין נכנסים אל הלב: איהר מעגט מיר מיינע פריינדע גלויבען נאך די איבער-ראשונג פון די עהרע פון דעם "פרעזענט" ווען איך וואלט גיקאנט אפילו צו קויפען ווערטער פיר געלט וואלט איך גיקויפט, נור זאגענדיג פרק האב איך געפונען דארטען בן זומא אומר איזהו עשיר השמח בחלקו, דאס מיינט ווער איז רייך! דעריעניגער וואס איז א מסתפק במועט, דערפאר מיינע פריינדע מוז איך מיך באנוגענען מיט א ביסעלע רעדען איינינע ווערטער, און איך האפפע דאס איהר ועט זיך אויך דאמיט צופרידען שטעלען ווייל איך האב פריהער גזאגט אז דאס איז דברים היוצאים מן הלב.

יעצט וועל איך אייך ערקלערען מיינע פריהערדיגע 2 ווערטער די "עהרע" מיט דעם "פרעזענט" איך וויים אז די עהרע איז צו גרויס פיר מיר ווייל דאס איז ניט נאך מיינע יאהרען דאס איז איינס, אונד צווייטענס איז דאס ניט קיין מתנת בשר ודם פון א יחיד זאנדערן פון א רבים פון א גאנצע קאנגרעגיישאן, און א קאנגרעגיישאן וועלכע זיא רופט זיך נאך אליין מיט דעם נאמען תפארת ישראל דיא שענהייט פון די אידען, דאס איז מיין איבעראשונג פון דעם ווארט "עהרע" נאך מיין מיינונג.

יעצט קומט דיא ערקלערונג דיא איבעראשונג פון דעם ווארט "פרעזענט" זעהט אללע די גרויסקייט פון דעם פרעזענט וועלכע א יונגע קינד האלט איהם אין זיין קליינע האנד, נור דאך מיינע פריינדע זאג איך אייך אז ער איז נור קליין אין "כמות" אבער ניט אין "איכות" אין איכות איז ער אזוי גרוים וועלכע איך קאן פון איהם לערנען אימער צוא איינינע זאכען און ער וועט בלייבען ביי מיר חרות על לוח לבי כל ימי צבאי עלי חלד" און ניט אזוי על לוח לבי נור אויך "בלבי" אין

מיין הארצען, דאס ערסטע זעה איך אז דאס איז טהייערער וויא געלט געלט וואלט איך ניט גענומען ווייל געלט דארף איך ניט, געלט גייט אוועק געלד קאן זיך א וועק קייקלען ווייל דאס איז קיילעכדיג, און דאס אבער האב איך יא גענומען ווייל דאס בלייבט אימער צוא לאות עולם ולמזכרת נצח, דאס איז איינס, צווייטענס האב איך דערפון צוא לערנען ווען איך וועל א קוק טהון אויף דעם פרעזענט וועל איך מיר דערמאנען פון וואנעט קומט דער פרעזענט ? פאר וואס ? און וואו האב איך איהם בעקומען "פון גאטעס הויז" "פאר גאטעס דיענסט" אונד "אין גאטעס הויז האט מען עס מיר געגעבען, חלעבען עס איז כדאי צו גיין אללע מאל אין שוהל.

ועוד בה שלשיה און נאך א דריטע זאך קען איך לערנען פון דעם קליינעם פרעזענט אז מיר אידען האבען 2 תורות, תורה שבכתב אונד תורה שבע"פ און איך זעה טאקע פון דעם פרעזענט אז שכל דברי חז"ל אמת וצדק, דער תנא זאגט אונז אין אבות "הוי כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס" אונד אין אנדערע ארט זאגט אונז דער תנא אין אבות "ונאמן הוא בעל מלכתך שישלם לך שכר פעולתיך, און דאס גלויב איך אז איהר וועל מיר אללע מודה זיין אז איך קען דאס לערנען פון דעם פרעזענט ווייל איך אליין בין אויך גיוועזן שלא על מנת לקבל פרס: און וואס איז די ענדע ווי דער תנא זאגט ונאמן הוא בעל מלאכתיך שישלם לך וכו" דאס איז פארלייפיג מיין ערקלערונג פון די 2 ווערטער "עהרע אונד פרעזענט" און ווי איך האב פריהער גזאגט אז מיר מוזען זיין א מסתפק במועט גלויב איך אז דאס וועט זיין גענוג און איך וועל אייך זאגען אלעמען דיינקס.

א רעדע פאח געטראגען צו הזכרת נשמות
אחרון של פסח תרע"ה, בביהכנ' תפארת ישראל, רעוויער,

"כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל"

זאגט רש"י בית יעקב אלו הנשים ווייזט אוים אז רש"י הקדוש

איז אויך גיוועזען אין אמעריקא ווייל ער האט געוואוסט פון ליידיעס פוירסט, נור עס קען זיין ווייל ער איז גיוועזען אין פראנקרייך און דארט מוז מען אויך האלטען פון ליידיס פוירסט, נור אזויא ווי מיר זיינען אין אמעריקא מוזען מיר האלטען "מתומר מקום שבאו לשם" און דערפאר האב איך אן געפאנגען דעם פסוק כה תאמר לבית יעקב ווייל איך וועל אנפאנגען רעדען מיט די ליידיס.

ליידעס ענד דזענטעלמאן!

אונזער גאסט ר' פסח שטייט שוין אויף דעם שוועל ער זעגענט זיך שוין אב מיט אונז אויף א גאנצען יאהר, דער זעלבער יו"ט פסח איז בעטיטעלט געווארען מיט 4 נעמען: חג הפסח, חג המצות, חג האביב און זמן חירותינו, נאך א טיטעל וועלכע קיין יו"ט האט דאס ניט ווייל ער איז ביי אונז אידען דער גאסט דער ערשטער יו"ט די ערשטע מצוה פון קרבן פסח דערפאר קומט ער אן מיט גרוים פאראד און מיר האלטען איהם מיט גרוים פאראד, מיר מאכען פיר איהם גאר אנדערע געריכטע, אפילו כלים מכלים שונים מיט א אנדער סדר אויבען אן דער בעל הבית און די בעלת הבית דער מאן און די פרויא בעקומען גאר אנדערע נעמען ער מלך און זי מלכה און מען זעצט זיך אוועק מיט די קינדער ביי דעם סדר, וכאן אין אמעריקא הבן שואל מה נשתנה אללע יאהר די זעלבע פראגע און דער פאטער גיוועהנליך ענטפערט דעם קינד דעם זעלבען אלטען תירוץ "עבדים היינו"

שוועסטער אונד ברידער, לאמיר אבער ניט פערגעסען א בליק צו געבען היינטיגען יאהר אויף אונזער אלטער היים דארטען איז דער זעלבער גאסט ר' פסח גיקומען מיט וואס האט-מען אים אבער דארט צו גענומען מיט וואס פאר א סדר? דארטען מיינע שוועסטער און ברידער איז גאר צלמות ולא סדרים דארטען איז ניטא קיין מלך און ניט קיין מלכה אז עס איז קיין מלך ניטא איז זי שוין קיין מלכה אויך ניט הגם בייא אונז איז דער יאהר אויך ניט מעהר געבליבען פון דעם יו"ט וויא אין נאמען חג המצות ווייל דער קרבן פסח איז שוין לאנג ניטא, דער חג האביב האבען מיר אויך ניט, שבת הוה"מ אז מיר האבען געליינט

אין שיר השירים: הסתיו עבר הגשם חלף הלך לו, האבען מיר געהאט גאר א שנעה שטורם וויא אין מיטען ווינטער, און דער זמן חרותינו איז דערווייל נאך אויך ניט געקומען,, טו ביי וואס זיינען מיר געבליבען נור ביי דעם חג המצות אליין דעם לחם עני, אבער דארטען אין אונזער אלטען היים איז דאס אויך ניטא, דארטען פרעגט אויך דאס קינד דיא קשיות אבער אהן א סדר, ער פרעגט גאר ביי דער מאמען ווייל דער טאטע איז שוין ניטא, דעם טאטען איז מען שוין גאר מזכיר נשמות בכל תפוצות ישראל ווייסט איהר אבער וואס דער קינד פרעגט ביי דער מאמען ניט פון דער הגדה נור פאן קינות לאמותם יאמרו איה דגן ויין אייגענטליך ווי קומט דגן צו יין "ברויט מיט וויין" נור דאס איז דעם קינדס פראגע ווא איז די דגן די לחם עני, וויין און דיא 4 כוסות, ווייסט איהר אבער וואס דיא מוטער ענטפערט איהם אויך פון קינות "טובים היו חללי חרב מחללי רעב" מיין קינד, דעם טאטען איז שוין בעסער פיר אונז "שהם ישובו מדוקרים מתנובות שדי" איך וועל אייך דער-ציילען א געשיכטע מיין פאטער עליו השלום איז גיוועזן א מאסקאווער זיצער נאך בעפאר די באהן איז גיוועזן אין יוראפ (אין רוסלאנד) ער פלעגט קומען אהיים איין מאל אין א יאהר אדער 1½ יאהר מ'ין מוטער ע"ה פלעגט זיך אנפאנגען ריכטען אויף איהם מיט 2 וואכען בעפאר, און פלעגט ערווארטען דעם גאסט, אז ער איז שוין געקומען אויף 4 וואכען פלעגט זי זאגען די ערשטע 2 וואכען איז ער א גאסט ביי מיר פון קומען די אנדערע 2 וואכען איז ער א גאסט פון אוועק פאהרען, אין דעם טאג וואס ער פלעגט אב פאהרען פלעגט זי איהם מיטגעבען אויף דעם וועג, דיזעלבע זאך רבותי איז מיט אונזער איצטיגען גאסט, מיט 2 וואכען פריהער ר"ח ניסן האבען מיר זיך אן געפאנגען צו ריכטען אויף איהם מיט קמח עניים אז דער גאסט איז געקומען האבען מיר דיא ערשטע 2 טעג גימאכט יו"ט פון קומען, די לעצטע 2 טעג מאכען מיר יו"ט ווייל ער איז א גאסט פון אוועק פאהרען, היינט אז ער פאהרט שוין אוועק לאמיר איהם מיט געבען שוין אויף א גאנץ יאהר, אונזערע פערשטאר-בענע האבען מיר גיגעבן א נייעם הזכרת נשמות א יום טוב-דיגען "יזכר ניט מיט דעם אלטעגליכע'ן אל מלא רחמים וואס מיר זאגען אלע מאל

אין דער וואכען נור מיט דעם יום טוב דיגען "יזכר" אין דעם זעלבען יזכור האבען מיר ניט געזשאלעוועט די הונדערטע טויזענדע אב געקומענע יונגע לייט וועלכע האבען זייערע לעבענס פערלארען דורך די בלוטיגע מלחמות, יעצט שוועסטער און ברידער! לאמיר עפעס טהון פיר דיא הונדערטע טויזענדע צוא געקומענע אלמנות ויתומות פון פאר איאהרען ביז היינט העטופים ברעב בראש כל חוצות, לאמיר זיך נעהמען גלייך נאך יום טוב יעדערער צו זיין פאקעט און געבען פיר די אלמנות ויתומים לאז דער יו"ט ניט אוועק גיין פון אונז מיט גאר ניט מיט ליידיגען מיר געפינען אין דער תורה הקדושה א סדרה איבער א סדרה וואו מען בעט געלד, איין סדרה פאנגט זיך אן דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה, אין דער 3-טער סדרה פאנגט זיך אן כי תשא את ראש בני ישראל ונתנו, ווייסט איהר אייגענטליך פארוואס דא שטעהט ויקחו און דא ונתנו, ווייל אין פ' תרומה בעט מען געלד אויף א משכן, זאגט דער אויבערשטער צו משהן איך ווייס אז אידע זיינען נתבעים ונותנים אונד אז מען וועט בעטען ביי זייא וועלען זיי געווים געבען נור וואס דען מען דארף האבען קאלעקטארס דערפאר איז דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה, זיי זאלען נור מאכען קאלעקטארס נעהמערס ווייטער אבער כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ווי דו וועסט נור נעהמען רעכנען די פקודי החיל די וועלכע זיינען גי-הרג-עט געווארען אין דער מלחמה דא דארף מען שוין קיין קאללעקטארס ניט האבען ווי דען זשע ונתנו זיי וועלען שוין אליין געבען, ווייל דאס איז דאך איש כופר נפשו יעדע-רער גיט דאך פיר זיך אליין ווארום או זיי וואלטען גיוועון אין יורופ וואלט דאך גיוועון בפקוד אותם וואלטען זיי דאך אליין גיוועון אין דער מלחמה, איז דערפאר זה יתנו דען מיר ווייסען דאך אז דארטען איז דאך איצטער כל העובר על הפקודים אז דארטען מוזען דאך אללע גיין מבן עשרים שנה ומעלה איז דערפאר "יתן" וועט ער אליין געבען, דען דאס ערשטע איז דאס כופר נפשו פאר זיך אליין וויא עס איז אמאל

גיוועזן קוויטאנציעס און צוויטענס איז דאס תרומת ד׳ נאך א מצוה אויך דערפאר וועל איך בעטען דעם שמש ער זאל מאכען מי שברך און איך האפף אז דער עולם וועט שנדרן פיר דיא אלמנות ויתומים וזכות הצדקה יעמד לנו ולכל ישראל ויאמר למלאך המשחית הרף ידיך ויטה לב המלכים יועציהם שריהם ורוזני ארץ עלינו לטובה ונזכה כולנו יחד לזמן חרותנו האמיתית ב״ב אמן ואמן

אחר מי שברך

מען האט אמאל גיפרעגט א קינד וואס פאר א חכם ביזט דוא האט דער קינד גיענטפערט איך בין א חכם פון פרק הלומד מכל אדם פרעגט מען ביי איהם פאר וואס ניט פון דער הגדה ? זאגט דער קינד יע, איך הער אלץ זאגענדיג ״אויך מיר א חכם א חכם פון מה נשתנה פארשטיי איך אז דער חכם פון דער הגדה איז ניט קיין הכם, א גאנץ קלוגער קינד טאקע א חכם גיין ? איך אבער וויל יעצט גראדע זיין דער חכם פון דער הגדה לאמיר אקארסט ריכטיג זעהען און פערשטיין חכם מה הוא אומר וואס זאגט דער חכם מה העדות וואס פאר עדות איז דא אויף די אללע שנדרס, איצטער אז גידיינקען קען מען ניט און שרייבען טאר מען ניט, קאלעקטען געווים ניט, טו וואס פאר עדות איז דא, ענטפערט גלייך דער חכם טאקע תשובתה בצידה החוקים והמשפטים די 2 תורות וועלכע זיינען גיוועזן ביי הזכרת נשמות זיי זיינען די עדות און מיר האפען אז יעדער איינער וועט אליין געדיינקען און אליין בריינגען מארגען אבענד ווייל וויא מיר האבען גירעדט אז צוערשט איז דאס כפר נפשו און ווידער איז דאך דאס תרומת ה׳ ווייל דיא תורות זיינען דערביי געווען.

א רעדע צוא א חתונה

שמח תשמח רעים אהובים

כשמחך יצירך בגן עדן מקדם

צוא פערשטיין דיא ברכה פון שמח תשמח וואס איז גיוועזן דיא

שמחה פון דעם יציר כפיו של הקב״ה אויב די שמחה איז גיוועזן וואס לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר, שטייט באלד עפעס א כנגדו זאגט די גמרא אז לא זכה איז גאר כנגדו, אלזא טו וואס איז גיוועזן די שמחה לאמיר זאגען אז ער האט געמאכט א גרינגען לעבען א גוטען וועלכען מיר ווינשען די יונגע פאַר דאמיט, דוכט זיך אז די גמרא זאגט גאר פארקערט: כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול טו וואס פאר א שמחה איז גיוועזן מיט זיי וועלכע מיר ווינשען דיא יונגע פאר און ווידער דארפען מיר פערשטיין ביי די ברכה פון שמח תשמח פינישען מיר די ברכה משמח חתן וכלה און די לעצטע ברכה פינישען מיר משמח חתן עם הכלה, נור דאס וואס איך וויל זאגען איז א גידאנקען וועלכע פיר אמעריקאנער פאר פאלק איז דאס זייער ריכטיג דאס מיינט די ברכה פון שלום ווי דוד המלך האט געזאגט השם גבולך שלום חלב חטים ישביעך, ווי באלד עס איז דא שלום: איז שוין חלב חטים ישביעך, ווי די גמרא זאגט אז לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה אלא השלום, און אין אמעריקא אבער קען דער שלום ח״ו גישטערט ווערען צוליעב א לאדזער אדער א לאדזערקע נעהמט מען אריין א לאדזער איז דער מאן דזעלעס, א לאדזערקע איז די פרוי דזעללעס און דאס קען דאך שטערען דען גאנצען שלום ח״ו, דערפאר בעטען מיר שמח תשמח רעים אהובים אז די פאר זאל דער אויבערסטער דערפרייען אז זייער שמחה זאל זיין אין גאנצען פול, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אז עס איז נאך מעהר ניט גיוועזן ווי אדם מיט חוהן איז דאך דאמאלס קיין דזעלעס ניט גיוועזן ביי זיי דאס זעלבע ברכה גיבען מיר יעצט אויך די יונגע פאַר אז קיין דזעלעס זאלל ביי זיי ניט עקסעסטירען, און זאלען נור לעבען בשלום, וועט שוין זיין חלב חטים ישביעך, דיא אנדערע פראגע וועלכע מיר האבען גיפרעגט ווארום מיר מאכען די ערשטע ברכה משמח החתן וכלה און די לעצטע משמח חתן עם הכלה: וועלען מיר פארענטפערן מיט א מדרש, דער מדרש זאגט אין שיר השירים האי מאן דדריש ברבים ודבריו אינם ערבים לשומעיהם ככלה היוצאת לבית חופתה מוטב

שלא יאמר, וחד אמר האי מאן דדריש ברבים ודבריו אינם ערבים לשומעיהם ככלה היוצאת מבית חופתה לבית בעלה מוטב שלא יאמר עס איז נאך דא אין דעם מדרש נאך 3 מאן דאמרן נור מיר וועלען נור רעדען וועלכע מיר דארפען צו אונזער ענין: וכולם מקרא אחד דרשו געפינען אין נופת תטופנה שפתותיך כלה דבש וחלב תחת לשונך איינער זאגט ככלה היוצאת לבית חופתה און דער 2 טער מבית חופתה לבית בעלה, דער ערשטער זאגט לבית חופתה: ווייל דער נאטור פון מענשען איז בשעת די כלה געהט ארוים צו דער חופה זאגאר אללע קענען איהר און מען האט איהר ניט לאנג גיזעהן דאך וויל מען איהר זעהן דאס זעלבע געדאנקען זאגט דער מאן דאמר אויף דעם רעדנער ווען אפילו אלע קאנען דעם רעדנער פונדעסטוועגען זאללען וועלען שטיין און הערען איהם ווייל ער איז ממשיך את הלב, דער 2 טער מאן דאמר זאגט אבער אז דאס איז נור א שעה עוברת ער קען בשעת מעשה ממשיך את הלב זיין, מיט משלים אדער סתם מעשיות, אבער אז יענער גייט אבער אוועק האט ער ניט וואס מיט צו נעהמען וויא דען ככלה היוצאת מבית חופתה לבית בעלה די חופה איז נור א שעה עוברת וויא די גמרא דריקט זיך אוים האי עלמא כבי הילולא דמיא, דער עיקר איז נור אז די כלה גייט ארוים פון דער חופה צום מאן אין הויז דאן זאלל זי געפינען א פיינע היים א פיינעם ארענטליכען לעבען דאס איז דער עיקר תכלית דאס פערלאנגען עלטערן צו זעהען ביי קינדער, זיי זאלען לעבען מיט איין דעה, מיט איין מחשבה מיט איינע געפיהלען, דער דיפערענט פון "את" ביז "עם" את מיינט ווי 2 מענשען טרעפען זיך אין איין סטריט און געהען גלייך אבער אין בעזאנדערע ביזנעס דער גייט אין זיינע און דער צווייטער אין זיינע ביזנעס, וילך אתו לוט מיינט דאס אז אברהם איז געגאנגען אין זיינע וועגען און לוט איז גאר גע-גאנגען אין זיין וועג ויאהל עד סדום, ווייל אנשי סדום רעים וחטאים אבער "עם" ווערט אן גערופען ווא 2 געהען פיר איין זאך גייען זיי מיט 1 געדאנקען מיט איין ציעל דערפאר מאכען מיר די ערשטע ברכה משמח חתן וכלה ווייל דאס

איז נור א שעה עוברת נאך דער חופה נאך שבעת ימי חמשתה איז ער שוין קיין חתן זי איז שוין קיין כלה, בעזאנדערען מאן ענד פרוי אבער שפעטער ווי זיי גייען שוין ארויס פון דער חופה ווערט דאס אן גערופען מבית חופתה לבית בעלה און גייען ארויס אויף דער וועלט מיט איינע געדאנקען מיט איין שטרעבען ווי דאס ווערט אן גערופען. 2 קערפערס מיט איין זעלע מאכען מיר די ברכה משמח חתן עם הכלה און מיר ווינשען אויף זייער נייעם וועג פון לעבען מיט די ברכה המשולשת אמן.

א רעדע אונטער דער חופה

ווערטע חתן כלה, גידענקט די חופה!

אריין געגאנגען זייט איהר ביידע אונטער דער חופה נור אויף איינינגע מינוטען, ארויס גיין גייט איהר ביידע ארויס אויף א גאנץ לאנ-גע צייט ביז א גוטען גרויען עלטער, עס שאדעט ניט צו געבען איין איבערבליק וואס דא איז פאר געקומען אין די קורצע צייט, מען האט בעדעקט די כלה, אוועק גישטעלט 4 שטענגעלעך מיט א קאווער וואס מיר רופען דאס חופה, געבראכט דעם חתן אונטער די חופה נאכהער צו געבראכט די כלה דער חתן האט גיגעבען א רינג די כלה און געזאגט "הרי את מקודשת לי" נאכהער גיגעבען ביידען טרינקען פון איין כוס א היבשע שטיקעל ארבייט איז געטאהן געווארען, דערפאר געפין איך פיר נויטיג אב צו שטעלען זיך נאך אויף א קליינע ווייל און דאס אללעס ריכטיג בעטראכטען, צוערשט וועלען מיר ערקלערען דעם באדעקענס אויסער וואס אונזערע חז"ל זאגען אונז אין תלמוד דעם טעם פון זכורני שיצאת בהינומא וועלען מיר דאס ערקלערען אין א אנדערע ארט, איהר יונגע פאר איהר דארפט וויסען דאס איהר געהט יעצט ארויס צוזאמען אויף דעם גרויסער וועלט מעער, די צייט איז די שיף, דער מאן איז דער קאפיטאן וועלכער דארף רולען די שיף די פרוי איז דער פאסאזשיר וועלכע זעצט זיך אויף דעם שיף ווא דער יונגער מאן ווערט דער קאפיטאן און ער וועט פיהרען דיזעלבע זאך ווי אויף דעם וואסער

ואו די שיף גייט, ווייס ניט דער פּאַסאַזשיר וואס פיר א וועטערן ער וועט האבען זונען שיינס אדער רעגענס ליכטיג אַדער פער-כמורעט, רוהיגע אדער שטורם וועטער, עבען זא גוד גייט יעצט די יונגע קינד ארויף אויף דער ·גרויסער וועלט שיף וועלכער דער יונגער מאן ווערט איהר קאפיטאן וועלכע דער גאנג איז פון איהר פארדעקט אונד ווייס ניט וואס פיר א וועטערן איהר וועלט שיף וועט האבען, דאס איז דער געדאנקען פון דעקטוך, נאך מיין מיינונג ווי מיר געפינען דאס גאט האט געזאגט צו זיין כלה דאס מיינט די אומה הישראלית "זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה.

נאכהער קומט די חופה, בעפאר די חופה ווערט צוזאמען גישטעלט האט דאס 2 בעזונדערע נעמען שטענגלעך און קאוער, נאכער ווען מען שטעלט דאס צוזאמען בעקומט דאָס שוין 1 נאמען א חופה דאס ווערט שוין א גאנצער בילדונג: דאסזעלבע איז מיט חתן כלה בעפאר האבען זיי 2 בעזונדערע נעמען באַי ענד גירל חתן כלה און נאכהער ווערען זיי צוזאמען געבונדען 2 קערפּערס מיט 1 זעלע מיט איין געפיהל מיט איין געדאנקען ווי דער תלמוד רופט דאס אן ביתו זו אשתו, ווען מען האט א פרוי האט מען א הויז דערפאר פיהרט מען צוערשט אונטער דער חופה דעם חתן צו ווייזען דאס ער מוז בילדען א הויז ער מוז העריין בריינגען אין הויז ער מוז זארגען פיר די הויז, און די פרוי מוז זיין די ווירטין פון די הויז, זי דארף אויף האלטען דאס הויז דאס הייסט די עקרת הבית און א גוטע מוטער פיר די קינדער, איהר מוזט זיין ביידע גלייכע פארטנער אין אללעס ווי אייער אגרימענט דאס מיינט די כתובה לויט-עט, נור איהר זאלט ניט דענקען דאס איהר זייט נור 2 פארטנער, נור זאנדערען 3 פארטנער, ווייסט איהר ווער אייער 3 טער פארטנער איז גאטעס נאמען דער "יה" איהר רופט זיך יעצט מאן און פרוי: וועלכע דאס איז אין העברעיש איש ואשה, ווייסט איהר אבער ווען איהר קאנט האבען דעם נאמען פיר א פארטנער אז איהר וועט האבען דעם ערשטען

נאמען פון גאט דאס איז "שלום" ווייל שלום איז דער נאמען פון גאט דאן וועט איהר האבען דען צווייטען נאמען דעם "י" מיט דעם "ה" און אז יהי" שלום בחילך וועט זיין שלוה בארמנותיך, דאן קומט דער טבעת קדושין דער רינג מוז זיין א פליינער רינג צו וויזען אז דער לעבען אייערער זאל זיין א ריינער, און ווי דער רינג איז אהנע ענד אזוי זאל אייער לעבען זיין אהנע א ענד, דערצו זאגט מען "הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל אזויא וויא גאט וועט נעוועהר פערבייטען די אידען, אונד די אידען וועלען נעוועהר פערבייטען דיא תורה ווי מיר זאגען לא יהליף האל ולא ימיר דתו, זא ביזט דוא הייליג צו מיר דאס דו זאלסט נעוועהר פערביטען ווערען אויף א אנדערע.

דאן קומט דער כוס של ברכה גיט מען ביידען טרינקען פון איין כוס אום אז דען גאנצען לעבען אייערען זאלט איר טרינקען פון איין כוס ניט פאר איינעם גאר און דעם 2-טען גארניט, ניט פאר איינעם זיס און דעם צווייטען ביטטער, נור דערזעלבע כוס ווי עס וועט זיין זאלל זיין פאר ביידען גלייך, און די אללע אנוועזענדע פריינד ווינשען אייך איהר זאלט אימטער האבען דען גוטען, דעם זיסען כוס, און אויך פון מיינער זייט וועל איך אייך געבען דעם אבשידס זעגען מיט די ווערטער יברכך ד' וישמרך עד וישם לך שלום אמן.

א רעדע ספּעשעל געשריבען פיר
קאנגרעגיישאן תפארת ישראל
פאן העווער, זאנטאג דען 13טען אוגוסט, 1916
פאר דעם ארוים מופען אין די נייע שוהל

נדיבי עמים נאספו היינט האבען זיך צוזאמען געקליבען דא די נדיבי עמים, ווער זיינען זייא? עם אלקי אברהם, וואס פאר א יחסנים זיינען זייא? זייא זיינען מוכתרים מיט דיא שלשה מדות רחמנים, ביישנים אונד גומלי חסדים,

וואס זיינען זיי דא היינט גיקומען! היינט זיינען דא מיוזיק, היינט איז דא א חזן מיט א קאהר, היינט זיינען דא רבנים, דרשנים רעדנער, היינט וועט מען מארטשען מיט דיא ספרי תורות דורך דיא סטריטען אריין בריינגען זיי אין דעם נייעם "בית המקדש מעט" פון תפארת ישראל וועלכע מיר האפען אז דער נייער "בית המקדש מעט" וועט טאקע ריכטיג טראגען דען נאמען תפארת ישראל און עס וועט טאקע זיין כשמו כן הוא תפארת שמו ותפארת הוא.

איך שטעל מיר פאר ווען שלמה המלך ע"ה וואלט דא איצט גיוועזען וואלט ער מיט שמחה אוים געשריען דעם פסוק "מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב" וויא שיין זיינען דיינע טריט מיט דיינע שיך דוא בת נדיב בתו של אברהם אבינו, אייגענטליך דארפען מיר פארשטייען דיא ווערטער וואס דער גרעסטער חכם אין דער וועלט וויא דער פסוק שרייבט אויף איהם ויחכם מכל אדם, אונד דיא חז"ל רופען איהם "החכם מכל אדם" זאגט, און וואס ריהמט ער גאר דיא שריט פון מענשען, דוכט זיך אז א מענשען איז דא מעהר צוא ריהמען אז ער האט א גוטען קאפף, א גוטע הארץ, א לב חכם ונבון, וואס ער האט אליין גיבעטען פאר זיך און ניט ריהמען דיא טריט און נאך מעהר ריהמט ער גאר די שיך, מיר דוכט זיך אז

שיך ווענדעט זיך גאר אן פרייז גיט מען א גרעסערען פרייז האט מען בעסערע שיך, א קלענערע פרייז איז פראסטערע שיך וואהרשיינליך א העכערען געדאנקען האט דער חכם געמוזט מיינען מיט זיין אויסדריקען פעמיך דיינע טריט בנעלים מיט די שיך.

מיר ווייסען אז דער גאנצער בעשטאנד פון יעדער זאך איז, וואס מיר שטעלען אוועק איז די פיס, דיא פיס האלט אויף יעדע זאך, צום ביישפיעל א טשער, א טיש, א לייכטער א מנורה, אהנע פוס קען דאס ניט שטעהען דיזעלבע זאך איז אויך ביי א מענשען דער גאנצער אויף האלט וואס האלט אויף דעם מענשען איז די פיס, די פיס האלט אויף די גאנצע קערפער, און נאך מעהר א מענש קען ניט זיין קיין עומד אליין, ווי מיר האבען פריהער גערעכענט ביי די איבריגע זאכען זאנדע-רען ער מוז זיין א הולך ער מוז ארום גיין און וויא באלד אז גיין מוז ער שוין האבען שיך ווארום ווען ער זאל גיין אהנע שיך קען ער זיך אפ שלאגען בצורי מכשול אדער באבני נגף, אלזא זיינען די שיך די גאנצע פראטעקטארס פון די פיס זיי פראטעקטען איהם אין גאנצען זיי די שיך פערהיטען איהם דען גאנצען קערפער, דאס געוועהנליך איז ביי אלעמען אפילו פאר אומות העולם אויך, אבער מיר אידען האבען גאר א אנדער זארט שיך וועלכע פראטעקטען אונז צום גאנג אונד דאס איז אונזער פאנדיישאן, ווייסט איהר ווי מען רופט אונזערע שיך? „צדקה" וויא אונזער נביא ישעיה דריקט זיך אויס „בצדקה תכונני" מיט צדקה וועסט די שטיין פעסט, ווייטער זאגט ער מיט צדקה וועט איהר אויס געלייזט ווערען „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה" מיט צדקה וועט איהר געהאלפען ווערען „שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא" מיט צדקה וועט איהר דערהויבען ווערען „צדקה תרומם, גוי" יעצט הויבען מיר אן צו פערשטיין דיא ווערטער פון שלמה המלך טאקע א חכם גיווען אז ער וואלט דא יעצט גיווען און גיזעהען דעם

גרויסען פובליקום אום באשריען, כן ירבו וואלט ער אויס געשריען מה יפו פעמיך ווי שיין זיינען אידעלאך אייערע טריט וואס איהר זייט גע-קומען אהער לכבוד דעם בי"המק מעט אבער ווייסט איהר ווען אייערע טריט זייבען שיין אז בנעלים, אז איהר זייט געקומען אהער בנעלים מיט אייערע אייגענע שיך פון "בת נדיב" וועלכע מיט דערמיט קענט איהר פעסט שטעלען אייער אֵייגענעם פעסטונג וויא מיר האבען פריער געזאגט "בצדקה תכוננו" אבער געהט ניט בארוועס אהנע אייערע שיך ווארום ווען איהר וועט געהען אהן די נעלים פון בת נדיב קאנט איהר זיך אבשלאגען אין דעם אבן נגף דאס איז דער יצר הרע וואס וועט דאן זיין, דאן קענט איהר נור זיין א הולך ואינו עושה וויים מען דאך שוין וואס א הולך ואינו עושה האט, ער האט נור שכר הליכה וויא דער תנא זאגט אונז אין אבות הולך ואינו עושה שכר הליכה בידו נור ווי מיינט איהר ליעבע אידען אז מען שיקט איינעם עפעס אויפטהון און ער געהט און טהוט גאר ניט אויף וואס פאר א שכר קען מען יענעם געבען, נור פיר א פוסטען גאנג ? און אז מען גיבט איהם שוין יא נור פיר א פוסטען גאנג אז אח און ווי וואס ער קען האבען, און מיט וואס פאר א הארץ דער בעל הבית צאהלט אזא שכירות, אבער ווען מען קומט טאקע מיט די נעלים פון בת נדיב מיט דיא צדקה זאגט טאקע דער אויבערסטער: "ובחנוני נא בזאת אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בל די, לכם ברכה דאס איז פיר שכר מעשה והיה מעשה הצדקה שלום, האבען מיר דאך שוין א גאנצע סומע צו מאהנען אי שכר הליכה אי שכר מעשה דארף מען דאך ווסען אז נאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך „ „

און אזוי ווי מיר רעדען יעצט אז מיר וועלען געבען וועט דער אויבערסטער אונז געבען מיינט דאס גאנץ איינפאך ויתן לך, וועלען מיר זאגען א שטיקעל ויתן לך וואס מיר האבען נעכטען אבענד געזאגט ולא אבה ד' אלקך לשמוע אל בלעם ויהפוך ד' אלקך את הקללה לברכה

וכו' אייגענטליך נאך בלעם'ס ווערטער ווייסען מיר דאך גארניט אז ער האט געשאלטען דוכט זיך ער האט גאר גיבענשט מי מנה עפר יעקב, לא הביט עון ביעקב, מה טובו אוהליך יעקב טא וואס זאגען מיר ויהפך את הקללה אז עס איז גאר קיין קללה ניט, נור אין אמתן האט ער יא געשאלטען, הערט זיך איין וואס דער אנטיסעמיט בלעם האט געזאגט מיט די ווערטער מה טובו, עס וועט קומען א צייט ווען אידען וועלען זיין אין אמעריקא וועלען דינגען 2 - 3 רומקעס קליינע, ענגע, שמוציגע און דארטען מאכען שוהלען זאגט בלעם מה טובו אוהלך יעקב וואס פאר א ווערט האבען דיינע שוהלען יאנקעלע דאס איז דאך גאר טענטס ניט קיין שוהלען און טאמער וועלען זיך געפינען א ביסעל א רייכערע קלאסס מענשען וועלכע זיי וועט ניט פאססען אין די טענטס און וועלען קויפען א גרויסע שוהל, א שיינע שוהל און א נאמען געבען "תפארת ישראל" וועלכע דאס וואלט גיוועו טאקע שיין פאר אידען איז דאס דאך גאר משכנותיך ישראל פאר "משכנת" מיט מאגעדזשעס, דאס איז גיוועו בלעם'ס ווערטער און דאס איז גיוועו דעם גרויסען אנטיסעמיטס קללה ווייל ער האט געוואלט אויף ווייזען אז אידען טויגען ניט און אז בייא אידען איז ניטא קיין שלום קיין אחדות דארויף זאגט דער פסוק ולא אבה לשמוע אל בלעם ויהפוך ד" את הקללה די קללה פון מה טובו וואס ער האט געוואלט שילטען לברכה און דער אויבערסטער האט איהם דעם זעלבען מה טובו גאר אנדערס געטייטשט ווי גוט זיינען פיר מיר אפילו דיינע טענטס שרעק זיך ניט "יעקב" וואס דער אנטיסעמיט זאגט איך האב איינמאל צו געזאגט אז בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך און ווער רעדט אז משכנותיך, אז דוא וועסט מאכען א גרויסע שוהל און טאקע רופען תפארת ישראל בין איך געוויס צופרידען איי וואס בלעם זאגט משכנותיך און מיינט דאמיט צו ווייזען אז ביי אידען איז קיין שלום ניטא און עס איז כלם מלאים קטטות וועל איך איהם ווייזען וואס מיין אומה הישראלית איז וואס ווערט אן גערופען

בת נדיב און זיינען מוכתרים מיט די 3 מדות רחמנים, ביישנים, גומלי הסדים אז איהר וועט קויפען א גרויסע שוהל וועט איהר מאכען א חנוכת הבית דאן וועט זיין נדיבי עמים נאספו און ווי וועלען זיי קומען בנעלים בת נדיב ווי מיר האבען פריהער גירעדט אז יעדער איינער דארף זיין א הולך ועשה והיה מעשה הצדקה שלום און די שוהל פון רעוויר וועט זיין אי"ה א אמתר "תפארת ישראל" לתורה ולעבודה אונד אז דער אויפערסטער וועט אי"ה געבען אז ביי אידען אין רעוויר וועט זיך אנפאנגען חתונות "שמחות" זאגט ווייטער דער אנדערער פסוק "אז" דאן אז די שוהל וועט שוין זיין אויף געפיקסט מיט אללעס איז תשמח בתולה במחול וועט מען די חופות מאכען אין שוהל און ניט טאנצען בחורים ובתולות וויא דען בחורים וזקנים יחדו והפכתי אבלם אנשטאט אבל ח"ו וועט זיין ששון און דער נאמען תפארת ישראל וועט בעזר השם זיין כשמו כן הוא תפארת שמו ותפארת הוא און דער נייער בית המקדש אין רעוויר וועט שטיין עד ביאת גואלינו ויקבץ פזורינו לארץ אבותינו אל בית בחירתינו היבנה במהרה בימינו אמן.

א שטיקעלע תהילם

שאדעט אויך ניט צו זאגען

הכפירים שואגים לטרף ולבקש מאל אכלם
תזרח השמש יאספון ואל מעונתם ירבצון
יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב .
(תהילם ק"ד כ"א כ"ב כ"ג)

עס שאדעט ניכט זיך צו נעהמען אין זינען
די ווארטען וואס מיר אין תהילם געפינען
אין קאפיטעל ק"ד האט דוד המלך אלעס ריכטיג בעטראכט
וואס דער אדון היצורים אין ששת ימי בראשית האט געמאכט
אין מיטען דעראינען
טהוען מיר די אבען געצייכנעטע פסוקים געינען

אלזא לאמיר ריכטיג פערשטיין
פון די פסוקים דעם מיין
דאס די לעמפערטען וועהרענד זיי זייער פערציקונג טרייען
דאן ברומען זיי אונד צו זייער באשעפער שרייען
ווייסט איהר וואס עס איז זייער געשריי
דער געוויסען פלאגט זיי די הארץ טהוט זיי וויי
ווארום זאלען זיי פון א זא חיות וויסען
בעסער פון גאטעס האנד זייער שפייז צו געניסען
תזרח השמש טהוט ער ווייטער זאגען
ווען די זון פאנגט אן צו שיינען דער טאג צו טאגען.
יאספון ואל מעונתם ירבצון טהוען אלע זיך צוזאמען קלייבען
אין זייערע נארעס צוא גייען, אויף דעם פלאץ ניט מעהר צוא בלייבען
ווייל זיי טהוען זיך פיר מענשען שעהמען
וואס זייער ערנעהרונג איז דעם צווייטענס לעבען צו נעמען
ליידער מיר מענשען טהוען נאך נידריגער פון דעם לעמפערט שטעהן
זאגט ער ווייטער מיט דעם יצא אדם לפעלו זיין מיין
דאס דער מענש זאלל אויך האבען די זעלבע געמאכט
פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט.
ער טהוט זיך פיר מענשען גאר ניט שעהמען
ועמען געלד וועמען בלוט צו נעהמען
וועמען מיט פרנסה צו דריקען
וועמען לעבעדיג צו דער שטיקען
אין מיטען טאג ווען די זונע שיינט פון אויבען
פערגעסט דער מענש געפיהל עהרע אונד גלויבען
שלעכט מיט אונז מענשען שלעכט

נאך דעם געדאנקען ניטא קיין זכות ניטא קיין רעכט
דענאך זיי ביי זיך מענשעל ניט געפאלען נור געדולדיג
ביי די ענדע קאפיטעל געפינען מיר דאס דער מענש איז ניט שולדיג
זאנדערען די זינד ברייגט דעם מענשען דאצו
זי רויבט מענשען געפיהל זיטטען אונד רוה
יתמו חטאים: מן הארץ ווען די זינדע זעלבסט ווירד
זיך ענדיגען אין גאנצען
ורשעים עוד אינם ווירד שוין מעהר קיין שלעכטם ניט זיין
נור גוטס ווירד זיך פלאנצען
דאן ווירד יעדער איינער זאגען
דעם ענדע פסוק צום באשעפער פארטראגען.
ברכו נפשי את ד׳ הללויה

כמאמר חז״ל חוטאים לא נאמר כי אם חטאים

א רעדע ספעשעל פיר די באיעס חברה בחורי חמד לומדי גמרא בבאסטאן

ויאמר ישראל אל יוסף ראה פניך לא פללתי והנה הראה אותי אלקים גם את זרעך (בראשית מ״ח י״א)

מיינע גיעהרטע צוהערער, צוערסט בעפאר מיר וועלען ערקלערען דעם געדאנקען פון דעם פסוק מוז איך זיך אליין פארשטעלען דאס מיין נאמען איז ישראל, קומען קום איך פון ווילנא, וועלכע ווילנא איז א בעוואוסטע שטאדט פאר א עיר ואם בישראל פון תורה, עבודה אונד גמילות חסדים, דאס האט מיר געבראכט איך זאלל אנפאנגען דעם פסוק ויאמר ישראל, אייגענטליך דארפען מיר פערשטיין וואס האט עפעס יוסף גענווארט מיט דעם ברייגגען די קינדער צום אלטען זיידען ביז אז מען האט איהם אן געזאגט הנה אביך חולה, דוכט זיך דער סדר עולם פיהרט זיך אז עס קומט צו פאהרען א אלטער טאטע וואס מען האט זיך מיט איהם ניט גיזעהען 22 יאהר און א זיידע וועלכען דיא איינקלעך קענען איהם גאר ניט און נאך אזא זיידע וויא דער ישראל

סבא איז גיווען, און צופום האט ער אויך ניט בעדארפט געהען ווי דער פסוק זאגט אונז אין פ׳ ויגש ויאסור יוסף מרכבתו ויעל לקראת ישראל אביו, האט ער בעדארפט נעהמען די קינדער אויך מיט זיך, און ווידער חיתכן ? אז די גאנצע 17 יאהר וואס יעקב האט גילעבט אין מצרים האט ער זיי ניט גיזעהען אז ער האט בעדארפט נאכהער פרעגען מי אלה, און נאך ווי רש״י ברייננט אויף דעם פסוק ויאמר ליוסף הנה אביך חולה אז אפרים היה רגיל לפני יעקב בתלמוד און אפרים איז גיווען דער אנזאגער צו יוסף הנה אביך חולה האט ער דאך זיי גוט גיקענט טא וואס פאר א פראגע איז יעצט מי אלה, און נאכהער זאגט ער נאך ראה פניך לא פללתי והנה הראה אותי אלקים גם את זרעך ווי ער וואלט זיי גאר קיינמאל ניט גיזעהן, אלזא מוזען מיר פערשטיין אז דאס איז ניט גיווען דעם ערסטען מאל זעהען די קינדער ער האט זיי עטליכע מאל געזעהען בעפאר, נור אזוי ווי יעקב אבינו איז געקומען פון ארץ כנען וואס דאס איז א ארץ הקדושה א מקום מיוחד להשראת השכינה אונד ארץ מצרים וואס דאס איז ארץ הטמאה, א ארץ מיט נ״ שערי טומאה ווי דאס ווערט אן גערופען ערות הארץ און זיין זוהן יוסף איז גיווען אין אזא לאנד איין איד און א משנה למלך אויך און דען איז ער געבלי-בען יוסף הצדיק וועלכע דער פאטער ישראל סבא האט זיך דאס גאר ניט פאר גישטעלט אויף איהם אליין און יעצט אז עס איז געקומען אז ער איז קראנק געווארען, אז ויקרבו ימי ישראל למות האט גענומען יוסף די קינדער צום אלטע זיידען בענטשען, זאגט דער פסוק וירא ישראל את בני יוסף ער האט באלד דערזעהן אז עס איז יוסף׳ס קינדער וויל ער האט זיי געקאנט נור די פראגע איז גיווען מי אלה אם ראוים הם לברכה, וויל זיי זיינען געגאנגען ווי קינדער פון א משנה למלך און זיינען גיווען געבארענע עגיפטיאנער, הגם רשי ברייננט פריהער אפרים היה רגיל אצל יעקב בתלמוד האט ער מורא געהאט טאמער איז דאס מעהר ניט ווי ציד בפיו אזוי ווי עס איז גיווען זיין ברודער עשו, נו

ווי יוסף האט איהם גענטווארטעט בניי הם זיי זיינען מיינע קינדער אשר נתן לי אלקים בזה וואס דער אויבערסטער האט מיר גיגעבען כשרה ווי רש"י זאגט אויף דעם בזה הראה לו שטר אירוסין שטר כתובה אפרים איז גיווען א רגיל ביי יעקבן, מנשה האט אויך גיקענט העב-רעאיש ווייל ער איז גיווען דער מליץ האט זיך יעקב שטארק געוואונ-דערט זאגט ער צו יוסף-ען "איך וועל דיר זאגען דעם אמת ראה פניך לא פללתי, וואס דו ביסט א עלטערער מענטש האב איך ניט גירעכענט צו געפינען דיר אין אזא שטאנד ביי אידישקייט והראה אלקים אותי גם את זרעך וועלכע זיינען געבארענע עגיפטיאנער, דעם זעלבען גדאנקען וויל איך זאגען צו אייך מיט 22 יאהר צוריק אז איך בין געקומען פון ווילנא, אז איך בין געקומען אין באסטאן און זייענדיג אין קעמברידז אז איך האב נעהאט יאהרצייט האב איך געמוזט לויפען אין באסטאן קומענדיג אין וועסט ענד האב איך געפונען קוים א מנין אין וואל סט. ווער רעדט פון חברה עין יעקב, משניות אדער א חברה ש"ס איז גאר מאן דכר שמיה און יעצט איז געווארען באסטאן אזוי פיעל בתי מדרשים מיט חברות וועלכע מען לערנט חומש, עין יעקב, משניות, ש"ס, כן ירבו וואס איך האב זיך דאס גאר ניט גירעכענט בעפאר אז אין באס-טאן זאלל דאס זיין און נאכהער אמעריקאנער געבארענע יונגע קינדער וועלכע גייען אין הייא סקוהל האבען זיך געמאכט א חברה לומדי גמרא קאן איך מיט שטאלץ זאגען דעם פסוק ויאמר ישראל ראה פניך לא פללתי והנה הראה אותי אלקים גם את זרעך און מאכען אויף אייך א ברכה ברכת שהחיינו.

אייגענטליך ביי וועמען דאס איז א נייעס בייא מיר אבער דארף דאס קיין נייעס ניט זיין, איך קום דאך פון ווילנא וואס דאס איז ירושלים דליטא וועלכע איך גידענק נאך די משמורים קוכעלאך וואס מיר פלעגען עסען דאנערסטאסג בייא נאכט אז מיר זיינען גיזעסען אין חסידים מנין און

גילערענט א גאנצע ווינטערדיגע נאכט, איך גידענק אז מען פלעגט אנ-
פאנגען דאווענען זומער 20 מינוטען צו 2 פארטאג און א גאנצען טאג
דאווענען ביז האלב נאך 12 ביי נאכט, טא וואס זשע איז ביי מיר פאר
א נייעס אז מען לערינט נאך דעם דאווענען א פרק משניות בין מנחה
למעריב עין יעקב אז מען לערנט נאך מעריב א שיעור גמרא און אפילו
אז באיעס לערנען וואס איז דאס ביי מיר פאר א נייעס, נור ישעיה
הנביא האט גיזעהן די מרכבה און יחזקאל הנביא האט גיזעהן די מרכבה
ישעיה הנביא האט גאר קיין פאראד געמאכט וויסט איהר ווארום ווייל
ער איז גיוועז אין ירושלים און אין וואשינגטאן מאכט מען קיין פאראד
ניכט פאר דעם פרעזידענט, יחזקאל אבער איז גיוועז אין גלות וויא ער
האט געזאגט ואני בתוך הגולה על נהר כבר האט ער שוין געמאכט א
גרויסען פאראד, אין ווילנא וואס דאס איז ירושלים דליטא האט מען גאר
קיין פאראד ניט בעדארפט מאכען פון דאווענען פין לערנען ווייל דאס
איז די רעזידענץ שטאדט זי רופט זיך ירושלים דליטא, אבער ואני
בתוך הגולה על נהר טשארלעס ריווער, און א אנדערער קען דאך זאגען
ולא מעבר לים היא און דא האב איך דערזעהן אז עס געפינען זיך יונגע
קינדער, האי סקול באיעס און האבען זיך געמאכט א חברה לומדי גמרא
ווערט איהר אן גערופען בנים אתם לד' אלקיכם שנאמר וכל בניך
למודי ד' דעריעניגער וואס איז נור פון די למודי ד' ווערען אן גערופען
בניך און נאך מעהר אל תקרא בניך ניט נור זיי ווערען אן גערופען בניך
אליין פיהרט ער אויס ורב שלום בניך אלא בוניך, גאר גאנצע בילדער
זיי בילדען גאר לשון בונים, איהר בילט גאר אויף די וועלט ווארום אויף
וואס שטעהט די וועלט אויף 3 עמודים על התורה ועל העבודה ועל גמ"ח
האט איהר זיך פריהער גענומען צו דעם עמוד התורה און יעצט האלט
איהר שוין ביי עבודה אויך ווייל ווי איך האב גיהערט האט איהר שוין
אייגענעם מנין צום דאווענען אויך האט איהר שויןביידע עמודים טא
וואס זשע פעהלט איך נור דער עמוד השלישי גמ"ח זאגט מיר אויב

איהר האט געלד צו לייהען קען איך אייך העלפען קריגען קאסטימערס ווער עס זאלל ביי אייך לייהען נור איך בין שטארק מסופק אויב איהר האט צו פערלייהען עטליכע הונדערט טאלער און אפילו הונדערט אלזא טא ווי זע קענט איהר צו קומען צום עמוד השלישי, נור א עצה קען איך אייך געבען דורך וועלכע איהר זאלט קענען האבען דען 3טען עמוד פון גמילות חסדים אהנע געלד אזוי ווי איהר האט זיך געמאכט א איי- גענעם מנין פון אייערע בחורי חמד און א מנין מוז דאך זיין 10 ניט 9 זאל יעדער רעכענען אז ער האלט אויף דעם מנין, אז ער טהוט א גמ"ח מיט די איבריגע 9 אז ניט ער וועלען דאך די איבריגע 9 דאווענען אהן א מנין אז זיי וועלען דאך נאך דארפען געהען אום זינסט אבער ווען איהר וועט אללע קומען צום מנין ווערט דאס אן גערופען דאס יעדער איינער טהוט א גמילת חסד מיט די איבריגע דאווענער דאן וועט איהר שוין האבען אללע 3 עמודים און איהר וועט טאקע זיין דיא ריכטיגע בונים פון דער וועלט און אייער חברה וועט שטיין פעסט אויף אלע שלשה עמודים און ביי דעם אויבערסטען וועט איהר זיין בנים ווי מיר האבען פריהער געזאגט בנים אתם לד אלקיכם און מיר וועלען ענדיגען דעם פסוק ורב שלום בניך, בניך אדער בוניך אבער שלום וועט דאך זיין געוויס און א פוללע אויך ככתוב ורב שלום וועלען מיר ענדיגען אונד זאגען עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן.

מה גדלו מעשיך ד׳ מאוד עמקו מחשבותיך

איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת (תהלים צ"ב ז')

צו פארשטיין די צוויי פסוקים מיט וואס דוד המלך ריהמט דעם אויבערסטענס ארבייט זאגט ער דיינע ארבייט איז אזוי גרויס, דיינע געדאנקען אזוי טיעף אז יענער אומוויסענדער פוסטער מענש וייס דאס ניט אונד דער נאר פארשטייט דאס ניט היתכן אז מיר וועלען אזויא ריהמען דעם גרויסען עמפפינדער פאן טעלעגראף, טעלעפאן, פאנאגראף

עלעקטריק, דאס זיין חכמה איז אזוי גרויס אז דער נאר אדער דער קליין קינד פארשטייט דאס ניט, בעסער וואלט גיווען דוכט זיך ווען ער וואלט גישטעלט חכם לא ידע ונבון לא יבין את זאת, דערפאר וועלען מיר דאס ערקלערען די פסוקים מיט דעם געדאנקען, מיר ווייסען דאס דער מענש ווערט אן גערופען מיט 4 פערשידענע נעהמען: אדם, אנוש, גבר אונד איש, דער גרעסטער נאמען איז איש, איש אלקים, והאיש משה עניו מאוד, דער פסוק ריהמט משה׳ן זאגאר ער איז דאך גיווען דער גרינסטער ווייל ער איז דאך גיווען "והאיש משה" פון דעסטוועגען איז ער גיווען "עניו מכל אדם" זאגט דוד המלך מה גדלו מעשיך ד׳ מאד עמקו מחשבותיך אפילו איש וואס קיין גרעסערער זאך איז שוין אונטערען זון ניטא און ער דער איש איז דאך דער בחיר היצורים פון דעסט וועגען געגען דיינע מעשים איז דערזעלבער גרויסער מאן וואס ער טראגט שוין דען נאמען איש, און ער איז דער בחיר היצורים אויך, איז ער גאר א בער ולא ידע און א כסיל לא יבין את זאת ווייל אין חכם כחכמתך

ודבק לבנו במצותך ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך

צוערסט מוזען מיר פארשטיין ווארום דעם ערסטען מאל שטייט לבנו און צום צווייטען מאל לבבנו, און צווייטענס ווארום שטייט לאהבה וליראה מיר ווייסען דאך אז מלכותא דרקיע איז כעין מלכותא דארעא און ביי מלכותא דארעא זעהען מיר אז מען פאנגט אן פון קליין צו גרויס ווי צום ביישפיעל פון אפיציער ביז דזענעראל, און דאס ווייסען מיר דאך אויך אז א עובד מאהבה איז העכער ווי א עובד מיראה האבען מיר דאך בעדארפט בעטען ויחד לבבנו ליראה ולאהבה פריהער צו א קלענערע מדרגה: דאס איז ליראה און צו קומען נאכהער צו דיא מדרגה פון אהבה, וואס דאס איז דיא גרעסערע מדרגה, דערפאר וויל איך זאגען אזויא וויא עס איז בעוואוסט אז לב איז איין הארץ לבבות איז צווייא הערצער. א לב טוב און לב רע,

און דער לב רע איז עלטער ווי דער לב טוב לפתח חטאת רובץ וויא דער מענש געהט נור ארויס אויף דער וועלט ווערט שוין מיט איהם גלייך געבוירען דער יצר הרע ווי דער פסוק זאגט "כי יצר לב האדם רע מנעריו" קענען מיר זאגען דעם געדאנקען פון דעם פסוק "כי לב רע האדם" דאס מיינט דער לב רע פון דעם מענשען איז בעשאפען געוואָ-רען מנעריו, פון זיין יוגענד, וויא שלמה המלך רופט איהם און מלך זקן וכסיל, דערפאר אז מיר בעטען צוא מצות בעטען מיר ודבק לבנו במצותיך דאס געהט אויף דעם יצר טוב ווייל דער לב טוב האט דאך שוין יראת שמים דערפאר בעטען מיר ודבק לבנו, דער לב טוב זאלל זיך באהעפטען צו די מצות ווייל דאס איז נאר איין הארץ אָבער אז מיר בעטען אויף אהבה און יראה בעטען מיר ויחד לבבנו 2 לבבות דער לב טוב וואס ער האט שוין יראת שמים זאלל ער צוא קומען צוא עבד מאהבה אונד דער לב רע זאלל אָם וועניגסטען בלייבען בייא דיא ערשטע מדרגה זו היא יראה.

ואתה קדוש יושב תהילות ישראל:
וקרא זה אל זה ואמר קדוש קדוש קדוש
ומקבלין דין מן דין ואמרין קדיש

מען האט מיר גיפרעגט ווארום זאגען מיר אין קדושה דרייא מאל קדוש אונד אין קדושה דסידרא, אויך אין פיוט זאגען מיר ואתה קדוש איין מאל קדוש, און ווידער האט מען מיר גיפרעגט ווארום דיא גאנצע תפילה ובא לציון איז אין לשון קודש, און זמקבלין אונד דיא גאנצע קדושה איז איבערזעצט אין לשון ארמי, וויא מיר זאגען ברוך כבוד ד' ממקומו בריך יקרא דה' מאתר בית שכינתיה" דארויף האב איך גיענטפערט נאך דעם מדרש פ' שמיני אויף דעם פסוק והתקדשתם והיתם קדושים כי קדוש אני, שני קדושות נתתי לישראל ואחד לקחתי לעצמי: דאס מיינט 2 קדושות האב איך גיגעבען צו אידען און 1 קדוש האב איך גענומען פיר זיך, דערפאַר מיר אידען וואס מיר האבען מקבל גיווען די תורה פון

הר סיני וויסען מיר אז דער אויבערסטער האט גענומען פיר זיך איין מאל קדוש דערפאר אז מיר זאגען פיר אונז אליין, זאגען מיר צו דעם אויבערסטען ואתה קדוש איין מאל קדוש און אז מיר דארפען אבער זאגען קדושה כשם שמקדישים אותו בשמי מרום ווי מלאכים מוזען מיר זאגען דריי מאל קדוש, אין קדושה דסידרא אז מיר זאגען אבער נור איין מאל קדוש און דערביי שטייט גלייך וקרא זה אל זה ואמר קדוש קדוש קדוש דערפאר ערקלערען מיר גלייך אין לשון ארמי ווייל ווי דיא גמרא זאגט אין מלאכי שרת נזקקין בלשון ארמי, ערקלערען מיר דיא דריי מאל קדוש אין לשון ארמי זאגען מיר דאס וואס זיי דיא מלאכים זאגען 3 מאל קדוש, איז טאקע זוי דער מדרש זאגט צוויי פאר אידען און איין קדוש פיר דעם אויבערסטען, קדיש בשמי מרומא עלאה בית שכינתה דער קדוש איז פאר אידען ווייל דער אויבערסטער האט אן געזאגט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם און בית המקדש של מטה איז מכוון כנגד בית המקדש של מעלה קדיש על ארעא עובד גבורתה איז געווים פאר אידען אין קדיש לעלם ולעלמי עלמיא דער קדוש איז פאר השי״ת און מיר ענדיגען ד׳ צבאות מליא כל ארעא זיו יקרה און ניט ווי די אומות העולם זאגען השמים לד׳ והארץ נתן לבני אדם.

מי כמכה באלים ד׳,
מי כמכה נאדר בקדש

די פראגע דארויף איז גאנץ איינפאך דאס איז איין כלל גדו״ל בכללי הדיקדוק אז נאך די אותיות א״ה״ו״י״ קען קיין דגש ניט קומען ווארום זע שטייט דער צווייטער מי כמוך מיט א דגש? דערפאר וויל איך זאגען אז דא איז א פראגע מיט א ענטפער, די חז״ל זאגען אונז אז הקב״ה גוזר גזירה וצדיק בא ומבטלו, ווי מיר געפינען בייא מהפכת סדום ועמורה אז דער אויבערסטער האט געזאגט המכסה אני מאברהם כי ידעתיו ווייל איך האב איהם ליעב, האט ער איהם געזאגט ארדה נא ואראה, איך וועל אראב געהען און זעהען הכצעקתה עשו כלה אויב עס

איז ריכטיג ווי מען שרייט וועל איך איבערקעהרען אין גאנצען האט אברהם זיך געשטעלט און געזאגט האף תספה צדיק עם רשע און האט גיפועלט ווען עס וועט זיך געפינען 10 צדיקים זאלל ער שענקען דיא גאנצע שטאט און וועט ניט איבערפיהרען, ביי יעקב אבינו וואס ער איז גיוועזן דער בחיר שבאבות געפינען מיר ויקרא לו אל אלקי ישראל זאגען אונז דיא חז״ל דער אלקי ישראל האט איהם גערופען אל,, בייא משה רבינו וואס ער ווערט אן גערופען איש האלקים, געפינען מיר בייא דעם חטא העגל אז דער אויבערשטער האט געזאגט הניחה לי ואכלם אונד נאכהער אז משה רבינו האט גיבעטען האט שוין דער אויבערסטער איהם געזאגט פני ילכו והניחותי לך, דיזעלבע בייא דעם חטא המרגלים דאט משה געבעטען סלח נא לעון העם הזה האט איהם דער אויבער-סטער גיענטפערט סלחתי כדברך אלזא זעהען מיר אז דער צדיק איז מבטל דעם אויבערסטענס גזרה, צדיקים איז פערהאנען פיער מדרגות איינע גרעסער פון די צווייטע אנפאנגען פאנגט זיך אן: ישר, צדיק חסיד, קדוש, ווי מיר זאגען בפי ישרים תתהלל ובדברי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתרומם ובקרב קדושים תתקדש, דיא גרעסטע מדרגה איז קדוש מוזען מיר זאגען אז דאס וואס די חז״ל זאגען אז צדיק בא ומבטלו מיינט מען דאס ניט א געוועהנליכער צדיק ווייל אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא נור וואס דען דער יעניגער וועלכער איז אין דער מדרגה פון קדוש וויא דיא חז״ל דערציילען אונז אמר משיב הרוח און עס איז געקומען א ווינד ומוריד הגשם איז געקומען רעגען פרעגען מי כמכה באלים ד׳ מי ווער איז גלייך - צווישען דיא שטארקע מי ווער ? ענטפערן מיר ״כמכה״ גלייך איז דעריעניגער וועלכער איז נאדר שטארק ״בקדש״ אין דער מדרגה פון קדוש.

תשעה מי יודע, תשעה אני יודע תשעה ירחי לידה,

דארפען מיר פערשטיין מיט וואס ריהמט זיך דיא אומה הישראלית מיט דעם תשעה ירחי לידה, דעם גאנצען שיר וואס מיר זאגען פסח

נאך די סדרים אז דער איד ריכט אב דעם סדר פסח כהלכתו קוקט זיך דער איד ארום אז ער האט זעהר פיין געדינט דעם בורא יתברך אונד ריכטיג אב געהיט דעם סדר מיט די הגדה, מצה, מרור, ארבע כוסות הלל, הלל הגדול מיט א פרייליכען הארצען, זאגט ער: "חסל סדר פסח כהלכתו און בעט דעם אויבערסטען כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו, דאן מיט דיזעלבע פרייליכקייט פאנגט ער אן זיך צוא ריהמען וואס ער איז א איד און טאקע מי כעמך ישראל ווארום והא ראי" אחד מי יודע וואו איז נאך דא א אומה און וויים פון אחד, זינגט ער זיך צו אחד אני יודע, איינם וויים איך אבער ניט קיין אנדערער, וואס איז דאס אחד אלקינו איינם איז אונזער גאט אין הימעל און אויף דער ערד, אבער ניט ווי די אומות העולם זאגען: השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם, אמת טאקע דער איד האט זיך טאקע מיט וואס צו ריהמען דיזעלבע שנים מי יודע שלשה, ארבע, חמשה, ששה, שבעה, שמונה, אלעס טאקע ריכטיג וואס איז אבער מיט דעם תשעה ירחי לדה וואס וואו איז דאס פאראן א אומה ולשון וואס בייא זיי איז ניט פארהאנען תשעה ירחי לדה,נור דא האט שוין אונז בן בג בג גינעבען א עצה טובה הפך בה והפך בה דכולה בה ובה תחזי, אין די חז"ל געפינען מיר אלעם מיר געפינען איוב האט געזאגט: מי יתנני כירחי קדם בהלו נרו על ראשי ווער וואלט מיר געבען ווי די פריערינע מאנאטען ווען זיין ליכט האט געלויכטען אויף מיין קאפף פרעגט די גמרא איז נדה דף ל' ע"ב וואו איז פאראן מאנאטען אהנע יאהרען, דאס איז די ירחי לדה, דיא 9 מאנאטען ווען די קינד איז נאך ביי די מוטער אונד נר דלוק על ראשו א ליכט ברענט איבער זיין קאפף און מען לערנט מיט איהם כל התורה כולה און אין דער צייט ווען דער קינד געהט ארוים לאויר העולם אויף די לופט פון דער וועלט בא מלאך וסטרו על פיו, קומט א מלאך אונד גיבט איהם א שנעל איבערען מויל און ער פארגעסט אין גאנצען וואס

ער האט גילערנט טא ווער קען זיך ריהמען מיט אזעלכע תשעה ירחי לדה ? נור דער איד אבער ניט אומות העולם וייל זיי האבען ניט קיין תורה שבכתב און ניט קיין תורה שבע"פ און קיין גמרה נדה געווים ניט

די טענות פון משה רבינו ע"ה

אעברה נא ואראה את הארץ
הטובה ההר הטוב הזה והלבנון
ויתעבר ד' בי למענכם ויאמר אלי
רב לך אל תוסף דבר אלי בדבר
הזה, (דברים ג' כ"ה כ"ו כ"ז)

משה רבינו דערצעהלט אונז אין משנה תורה אז ער האט גיבע-טען ביי דעם אויבערסטען אעברה נא אז ער וויל אריבער געהען זעהען די לאנד דערציילט ער אונז אז דער אויבערסטער איז געווארין אין כעס אויף איהם און האט איהם געזאגט אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה מעהר זאלסט דו ניט רעדען אין די זאך, דיא פראגע דארויף איז דאס ערסטע געפינען מיר ניט אין די גאנצע תורה מיט אזא אויסדריק מעהר זאלסט דו צו מיר ניט רעדען גענוג דיר, און צווייטענס געפינען מיר ניט אין גאנץ תורה אז משה האט ווען גיבעטען איינמאל וועגען אריבער געהן אין דער לאנד, און דאס וואלט גיוען דער צווייטער מאל דאן וואלט דאס געפאסט דער אל תוסף אבער אז דאס איז דער ערסטער מאל וואלט גיוען גענוג אז דער אויבערסטער וואלט איהם גיענטפערט לא תעבור דו וועסט ניט אריבער געהן, עלה ראש הפסגה וראה ווי דיא וועלט זאגט יענער מעג בעטען און יענער מעג ניט וועלען געבען צוא וואס איז נאך דער ויתעבר און רב לך גענוג פאר דיר.

דארויף וויל איך זאגען דעם געדאנקען מיר ווייסע אז דברה תורה כלשון בני אדם מיר געפינען בשעת מרים איז געווארען מצורעת כשלג, האט משה געזאגט א תפילה קצרה פון פינף

ווערטער "אל נא רפא נא לה" זאגט רש"י בא הכתוב ללמדך דרך ארץ אז איינער דארף בעטען וואס ביי דעם צווייטען מוז ער פריהער זאגען צוויי אדער דריי ווערטער לשון תחנונים, דערפאר האט ער אן געהויבען "אל נא" די זעלבע זאך געפינען מיר ביי דעם חטא המרגלים אז דער אויבערסטער האט געזאגט צו משהן אכנו בדבר ואורישנו האט משה געזאגט ושמעו מצרים, און די גוים ווערלען זאגען מבלתי יכולת להביא את העם הזה האט איהם דער אויבערסטער ניט גיענטפערט, ביז משה האט זיך דערמאנט אין די צוויי מאל "נא" וואס ער האט גיבעטען פאר מרים זיין שוועסטער האט ער דא אויך געזאגט צוויי מאל נא, איין מאל ועתה יגדל נא כח אדוני און סלח נא לעון העם הזה, האט טאקע באלד דער אויבערסטער געזאגט סלחתי כדבריך, דערפאר אז משה איז געקומען דא בעטען וועגען אריבער געהען אין ארץ ישראל האט ער אן געפאנגען מיט די ווערטער אתה החילת להראות את גדלך ואת ידך החזקה האט דער אויבערסטער איהם גארניט גיענטפערט, האט זיך משה גלייך געכאפט צו דעם אלטען מיטעל זיינעם "נא" און האט אן געפאנגען אעברה נא ווייל דאס איז א רפואה בדוקה, דא דערציילט אונז משה ויתעבר ד' בי למענכם ויאמר ד' אלי רב לך געוגג איין מאל "נא" אל תוסף דבר אלי עוד זאג ניט נאך אמאל "נא" ווייל דעם מאל וועט דיר דאס ניט העלפען ווייל דו וועסט ניט אריבער געהען דעם ירדן, עס קען זיין אז דערפון שטאמט וואס דאקטוירים זאגען אז מען ווערט שוין צו געוואהנט צו א מעדעצין קען שוין דער מעדעצין ניט העלפען.

די טענות פון אדם הראשון מיט דעם אויבערשטען

ולאדם אמר כי שמעת לקול אשתך
ותאכל מן העץ אשר צויתיך לאמור
לא תאכל ממנו ארורה האדמה
בעבוריך, בעצבון תאכלנה כל
ימי חייך וכו' עד שובך אל

האדמה כי ממנה לקחת כי עפר
אתה ואל עפר תשוב, ויקרא האדם
שם אשתו חוה כי היא היתה אם כל חי
(בראשית ג׳ י״ז - כ״א)

דיא פראגע דארויף איז פאר וואס האט דאס אדם׳ן געקומט דער פסק ארורה האדמה בעבוריך, בעצבון תאכלנה בזעת אפיך, מיר האבען דאך א כלל גדול בדין אז איינעם קומט 2 עונשין איז קם ליה בדרבה מניה, און אז עס קומט מיתה און נאך א עונש גיט מען אים מיתה און דא ביי דעם חטא פון עץ הדעת האט דאך דער אויבערסטער אליין געזאגט צו איהם כי ביום אכלך ממנו מות תמות, טא ווי קומט דאס וואס איצט אז ער האט גיגעסען פון עץ הדעת האט איהם דער אויבער-סטער בעשטראפט מיט נאך א גרויסען עונש בעצבון תאכלנה בזעת אפיך, און ווידער וואס מיינט דער פסוק וואס ער פיהרט אוים כי עפר אתה ואל עפר תשוב, ווי באלד דער פסוק זאגט אונז פריהער עד שובך אל האדמה כי ממנה לקחת איז דאך דאס דיעזעלבע זאך פון עפר אתה ואל עפר תשוב, דערפאר וויל איך זאגען דארויף דעם געדאנקען: מיר געפינען די גמרא זאגט אונז אין ב״ק דף ע״ט ע״ב: שאלו תלמידיו את ר׳ יוחנן בן זכאי מפני מה החמורה תורה בגנב יותר ״מגזלן״ פאר וואס א גנב דארף בעצאהלען כפל דאפעלט און דער גזלן דארף נור אוועק געבען דאס וואס ער האט געגזלט?, ״אמר״ להם האט ער געזאגט צו זיי זה השוה כבוד עבד לכבוד קונו וזה לא השוה כבוד עבד לכבוד קונו כביכול עשה עין של מטה כאילו אינו רואה ואוזן של מטה כאילו אינו שומעת אט דאס געפינען מיר אין דעם אויבערסטענס ווערטער, ולאדם אמר צו אדם׳ן האט ער געזאגט כי שמעת לקול אשתך ווייל דו האסט גיהערט דיין פרוי און דו האסט גיגעסען פון דעם בוים וואס איך האב דיר אן געזאגט דו זאלסט ניט עסען האסט דו געפאלגט די ווייב איז דאך דאס לא השוה כבוד עבד לכבוד קונו - דערפאר קומט דיר דער פסק פון

"בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה" ביז דעם טויט דאס מיינט שובך אל האדמה, פרעגט איהם אדם דו האסט דאך אליין געזאגט אז ביום אכלך ממנו מות תמות דארף דאס זיין קם ליה בדרבה מניה האט איהם דיזר אויבערסטער גיענטפערט אז די מיתה אליין איז גאר קיין פסק ניט און דאס איז ניט קיין צוויי עונשין ווייל דער מלאך המות איז נאך בעשאפען געווארען ביום ב" מיט אלע מלאכים: פרעגט איהם ווייטער אדם הראשון: וואצו האט מען בעדארפט אין גאנצען דעם מלאך המות וואלט דאך בעסער גיווען אז עס וואלט ניט גיווען קיין מלאך המות און קיין שובך אל האדמה, האט איהם דער אויבערסטער גיענטפערט כי ממנה לקחת, און ווי באלד מען נעמט בייא יענעם איין זאך מוז מען יענעם אב געבען, זאגט ווידער אדם: רבונו של עולם וואס האסט דו גענומען ביי די ערד ? אביסעל שטויב ווי דער פסוק זאגט אונז וייצר ד' אלקים את האדם עפר מן האדמה, טא וואס פיר א ווערט האט דאס ביי די ערד, מיר זעהען דאך אז מען נעמט ארויס פון דער ערד וואגאנעס מיט ערד און די ערד האלט זיך אלין און עס פעהלט איהר גארניט ווי דער פסוק זאגט אין קהלת "והארץ לעולם עומדת" וועט זיך דאך די ערד זוי ווי זוי האלטען, האט איהם דער אויבערסטער גיענטפערט דאס וואלט גיווען גערעדט אז די ערד איז שוין ניטא מעהר איז ניטא וואס צו צאהלען, אבער ווי באלד כי עפר אתה אז די ביסעל שטויב וואס איך האב גענומען איז נאך איצט דא, ווי מיר זאגען עפר אני בחיי דערפאר איז ואל עפר תשוב, דערפאר שטייט גלייך דער פסוק ויקרא האדם שם אשתו חוה, אייגענטליך נאך דעם טעם וואס עס שטייט נאך דעם כי היא היתה אם כל חי האט ער איהר גאר בעדארפט א נאמען געבען חיה.: נור ווייל אדם הראשון איז געזווארען גלייך אין כעס אויף דיא ווייב האט ער איהר א נאמען גיגעבען היה, ווייל זיא האט געטהאן מעשה חיוויא דער שלאנג האט איהר אן גירעדט און זיא האט גיגעסען, נור ווייל ער האט זיך גישעמט פיר די וועלט פיהרט ער אויס כי היא היתה אם כל חי ווי הגאון רג"ז מרגליות שליט"א זאגט אין זיין תורת גבריאל אויף די פסוקים ותקרא שמו ראובן און אויף דעם פסוק ותקרא שמו משה אז וואו דער טעם שטייט נאך דעם נאמען איז דאס נור פאר דער וועלט.

געבארענע אונד געוואָרענע

אוהבי ורעי מנגד נגעי יעמודי וקרובי מרחוק עמדו, [תהלים ל״ח י״ב

איך בין גיפרעגט געווארען, וואָרום שטעהט ביי אוהבי ורעי, יעמודו מיט א עתיד זיי וועלען שטעהען, און ביי קרובי שטעהט עמדו מיט א עבר זיי זיינען געשטאנען! האב איך דארויף גיענטפערט: צוערסט מוזט איהר וויסען אז ניט אלע קרובים זיינען גוטע פריינד, דאס זעהען מיר פאקטיש אז וואס די קרובהשאפט איז נאהנטער איז אלין דער פערדרוס גרעסער און עס איז גאנץ מעגליך אז די פריינדשאפט זאל זיך אויף גיך פערוואנדלען אין פיינדשאפט. גאנץ איינפאך עס פערבייט זיך מן ״אוהב לאויב״ צום ביישפיעל א מאן מיט א פרוי, קינדער מיט עלטערן שוועסטער אונד ברידער די קרובהשאפט קען ניט אב געבראכען ווערען אבער די פריינדשאפט קען גיך פערלארען ווערען מעהרער וויא בייא פרעמדע גוטע פריינד ווייסט איהר ווארום דאס איז וועיל וואס דיא קרובהשאפט איז נאהענטער איז דער פערלאנג גרעסער און ווען דער פערלאנג איז גרעסער איז דער פערדרוס גרעסער ווען יענער טהוט איהם ניט זיין פערלאנג, ווערט דאס אן גערופען א אהבה שהיא תלויה בדבר בטלה דבר בטלה אהבה: אבער פון א פרעמדען וועלכע איך קען ניט זא פערלאנגען, קען די שנאה זא אפט ניט קומען, ווערט דאס אן גערופען א אהבה שאינה תלויה בדבר ווי אהבת דוד ויהונתן איז גיוועז א ריכטיגע אהבה, עס איז ניטא קיין דבר וואס זאלל מבטל זיין די אהבה, ווייל דער פערלאנג איז ניט אזוי גרויס, עס איז נאר א פערלאנג ווי פון א פרעמדען גוטען פריינד לערנט אונז די תורה ״ואהבת לרעך כמוך״ ליעב דיין חבר ווי דיך אליין, פרעג איך ווי איז דאס ווי זיך אליין? וויל איך דאס ערקלערען אין א ארט ווען מיר זאלען פרעגען איינעם ווי ליעבסט זיך אליין, וועט ער ניט וויסען צו ענפערן: אָבער ווען מיר זאלען פרעגען א מאן ווארום ליעבסט דו דיינע פרוי? וועט ער ענטפערען ווייל זיא איז עצם מעצמי ובשר מבשרי, ווארום ליעבסט דו דיינע קינדער? ענטפערט ער: זיי זיינען כחי ועוני. דיינע ברידער און שוועסטער ווארום ליעבעסט דו, וועט ער ענטפערען: מיר זיינען אונטער איין הארצען גילעגען יא דאס איז א ריכטיגע ענטפער, פרעגען מיר בייא דעם זעלבען מאן

ווארום ליעבסט דו א גוטע שטיקעל פיש זי איז דאך גאר אין וואססער און דו ביזט אויף דער יבשה, וועט ער ענטפערן ווייל איך ליעב זיך און איך האב הנאה פון א גוטע שטיקעל פיש, און דיזעלבע וועט ער ענטפערן אויף די פראגע ווען מען וועט איהם פרעגען ווארום גלייכסט דו א גוטען טשיקען, איז אויף אללעס דא א ענטפער, אבער ווען מיר פרעגען איהם ווארום ליעבסט דו זיך, דא האט ער שוין גאר קיין ענט-פער ניט, וועט ער מיר מעהר ניט ענפערן וויא האט מען דאס זיך פיינט, דאס איז דאך דער איך אליין וויא קען מען דאס פיינט האבען דעם איך ? דאס האט אונז דיא תורה הקדושה אן געזאגט אין 3 ווער-טער ואהבת לרעך האב ליעב דיין חבר: כמוך וויא זיך אליין, אזויא וויא דו גלייכסט דיין איך, אהנע א פארוואס, אזוי זאלסט דוא ליעבען דיין חבר אהנע פארוואס ווערט דאס אן גערופען א אהבה שאינה תלויה בדבר ווי אהבת דוד ויהונתן איז ניט דא קיין דבר וועלכע זאל מבטל זיין די אהבה, אבער דיא אהבת קרובים וועלכע עס איז דא א פארוואס קען גאנץ מעגליך זיין אז עס ווערט בטל די אהבה, דיא פריינדשאפט, פון די קרובים, ווייל דער פערלאנג ווערט בטל, אט דאס זאגט אונז דוד המלך: ווייסט דוא ווער עס וועט זיך שטעלען, פיר - א - נגד ווען א נגע - ח״ו - וועט קומען און ניט צוא לאזען אז דיא -נגע- זאל קומען! אוהבי ורעי, מיינע פרעמדע גוטע פריינד וועלכע זיינען מיר גוטע פריינד אהנע פארוואס, אבער וקרובי מיינע קרובים וועלכע זיינען נור גוטע פריינד מחמת קרובהשאפט, מרחוק זאגאר דיא נגע איז נאך גאר ווייט זיא איז נאך גאר ניט געקומען עמדו האבען זיי זיך שוין אב גישטעלט און ווילען גאר ניט וויסען פון מיר ווייל זיי האבען מורא טאמער וועט דיא נגע קומען און איך וועל קומען צוא זייא נאך הילפע און אזעלכע זאכען זעהען מיר ליידער מעשים בכל יום, דאס איז דער אונטערשייד פון געבארענע פריינד ביז געווארענע פריינד.

ויחל משה את פני ד' אלקיו

ויחל משה את פני ד' אלקיו, ויאמר למה ד' יחרה אפך בעמך דארפען מיר פערשטעהן דאס וואס משה האט גיפרעגט דעם אויבערסטען למה ד' יחרה אפך בעמך, פאר וואס ביזט דו אין כעס אויף דיין פאלק און ער מאכט זיך גאר ניט וויסענדיג פון די גאנצע מעשי עגל, דוכט זיך דער אויבערסטער האט איהם אללעס געזאגט וויא מיר זעהען אין דער תורה מיט איינינע פסוקים בעפאר האט איהם דער אויבערסטער דער-ציילט א גאנצע געשיכטע אז סרו מהר מן הדרך: זיי זיינען אזוי גיך אראפ פון וועג, עשו להם עגל מסכה וישתחו לו: זיי האבען געמאכט א קאלב און זיך געביקט צוא איהם, און נאך מעהר זיי זיינען געווא-רען ריכטיגע רעוואלאציאנערע געגען איהם, און זייא האבען גאר אן גע-נומען דען עגל און געזאגט אלה אלקיך ישראל: ישראל! דאס איז דיין גאט, אם ענדע קומט משה רבינו און זאגט דעם אויבערסטען למה יחרה אפך פאר וואס ביזט דו אין כעס רבש"ע? לאמיר זיך פארשטעלען דיא זעלבע זאך ווען עס טרעפט ביי א מלך בו"ד אז מען מאכט א רעוואָלו-ציאן א גרויסע און דער קעניג רופט אריין זיין פרעמיער מיניסטער אונד דערצעהלט איהם וואס עס האט געטראפען אז זיינע אונטערטהאנען האבען רעוואלטירט און האבען געמאכט א אנדערען קעניג, דער מינים-טער וועט אויסהערען אם ענדע נאך דעם אויסהערען וועט דער מינים-טער געבען א פרעג דעם קעניג, נו פארוואס ביזט דוא אין כעס אויף זיי? דוכט זיך מיר אז דער מיניסטער דארף בעקומען פון מלך נאך א גרעסערען פסק ווי אללע רעוואליציאנערען ווייל ער איז דאך א קרוב למלכית און ער איז דאך די ערסטע האנד פון מלך אם ענדע וואס זעהען מיר אין דער תורה הקדושה אז דער אויבערסטער האט איהם גאר גע-זאגט ואעשה אותך "לגוי גדול" און אז ער האט געזאגט "ואעשך לגוי גדול" דאן האט משה גיפרעגט "למה יחרה אפך בעמך" דערפאר ווייל איך זאגען אז טאקע נור דערפאר וואס משה האט ניהערט דעם ואעשך

ואעשך לגוי גדול דערפאר האט ער גיפרעגט דעם "למה" מיר ווייסען אז "עם" ווערען אן גערופען די ערב רב און דאס פאלק וואס דער רבש"ע האט געשיקט משה'ן ארויס נעהמען פון מצרים ווערען אן גע-רופען בני ישראל, עם ד' וויל זיי זיינען בני אברהם יצחק ויעקב דער-פאר אז משה האט גיהערט אין אנפאנג לך רד כי שחת עמך האט ער גידענקט אז דאס איז נאר דער ערב רב האט ער ניט אזוי גיקעהרט פיר זיי, וויל זיי האבען פריהער ניט געטויגט און טויגען יעצט אויך ניט און האט גאר ניט געוואלט בעטען פאר זיי, ווי משה האט אבער דער-הערט "הניחה לי ואכלה אותם כרגע ואעשה אותך לגוי גדול": לאז מיר, איך וועל זיי אומברינגען, און דיר וועל איך מאכען פאר א גרויס פאלק האט משה פערשטאנען אז די בני ישראל זיינען אויך פערמישט אין דעם חטא פרעגט ער ביי דעם אויבערסטען למה ד' יחרה אפך בעמך? דו האסט דאך מיר פריהער געזאגט: לך רד כי שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים, מיינט דאך דאס מיין פאלק וואס איך האב ארויס גע-בראכט טא ווארום ביזט דו אין כעס אויף דיין פאלק אשר הוצאת מארץ מצרים וואס דו האסט ארויס גענומען פון מצרים ? און ווען אפילו זיי זיינען אויך גיוועזן פערמישט אין דעם חטא העגל: למה יאמרו הגוים ? און אויב דיר ארט ניט וואס דיא גוים וועלען זאגען, זכור לאברהם ליצחק ולישראל אשר נשבעת: וואס דו האסט געשווארען, שטייט גלייך דער אנדערער פסוק: וינחם ד' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו -צו זיין פאלק- אבער ניט צו דעם ערב רב וואס משה האט אויף געבראכט,

הכל בידי שמים

די דריי ווערטער "הכל בידי שמים" געפינען מיר צוויי מאל אין ש"ס, איין מאל געפינען מיר אין ברכות דף ל"ג "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", און דעם צווייטען מאל געפינען מיר אין כתובות דף ל'

"הכל בידי שמים הוץ מצינים ופחים", כדכתיב: צינים ופחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם" וואהרשיינליך מוזען די בײדע זאכען האבען א שייכות איינע צו די אנדערע, מילא יראת שמים האבען מיר א פסוק אין דער תורה: ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב את המות ואת הרע ובחרת בחיים" עס איז אוועק גינעבען געווארען צום מענשען דיא בחירה, וויא דיא חז"ל ברײנגען אין מסכת נדה" מלאך הממונה על הטיפה שואל קודם היצירה טיפה זו מה תהא עליה גבור או חלש עני או עשיר ? ואילו צדיק ורשע לא קאמר" מחמת דיא בחירה איז אוועק גיגעבען געווארען צום מענשען אבער -צינים ופחים- קעלט און היץ פון וואנען נעהמען זיך די חז"ל אז דאס איז ניט בידי שמים ? נור וואס וועלען מיר זאגען אז דער מענש דארף זיך אליין היטען, זאגען די חז"ל "אין אדם נוקף אצבעו למטה עד שמכריזין עליו מלמעלה" אז א מענש קלאפט זיך ניט אפ א פינגער וואו דאס ווערט ניט אויס גע- רופען ווייל אהן דעם אויבערסטענס ווילען טהוט זיך קיין זאך ניט, און וויעדער וואס איז בדרך עקש ? דוכט זיך עס וואלט גיוועזן גענוג אז עס וואלט געשטאנען מצינים ופחים ישמור את עצמו -אונד וואס איז נאך את נפשו - ווייזט אויס פון פסוק אז דער פסוק רעד גאר וועגען נפש ניט פון גוף. דערפאר וויל איך זאגען אז דער פסוק רעד טאקע נור וועגען נפש און ניט וועגען גוף, נור וועגען חולי הנפש און דאס האט טאקע א גרויס שייכות מיט דעם, הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים: מיר געפינען די חז"ל זאגען איזו היא מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד אחד. בחור ובתולה מצד אחר, אייגענטליך וואס איז דער דיפערענט וואס די מטבע איז גיוועזן, מאי דהוה הוה, אונד וואס איז אונז דער דיפערענט אפילו דיא יעצטיגע מטבעות וואס פאר א פיקטשע אויף דער מטבע איז, עס זאל נור זיין דיא מטבע, מאכט ניט אויס וואסערע עס איז, נור מן הסתם האבען

די חז״ל ניט געמיינט צו זאגען אונז וואס פאר א פּיקטשע עס איז גיווען נור זיי האבּען געזאגט צוא לערנען אונז ווי א מאנש דארף זיך אויף פיהרען, אונד דאס זאגען אונז די חז״ל: איז מטבע של אברהם אבינו, ווייסט דו וואס פיר א מטבע אַברהם אבינו האט גילערנט דעם אידען ווי ער זאלל זיך פיהרען אין יראת שמים: זקן וזקנה מצד אחד דאס ווייסען מיר אז בּיי א יונגען מענשען איז די חמימות שטארקער די תאוה איז שטארקער, דיא רתיחת הדם איז שטארקער און בּייא א זקן וזקנה ווערט די קרירות שטארקער אלזא איז בּיי דעם יעניגען וואס ער האט יראת שמים בּייא זיך דארף ער וויססען וויא צו צוקאמען צוא זיין א ריכטיגער ירא שמים מוז ער בּענוצען צו א מצוה די חמימות און די תאוה פון א בּחור ובתולה, און צו א עבירה דיא קרירות פון א זקן וזקנה: דאס זאגט דיא גמרא אין כתובות הכל בּידי שמים חוץ מצינים ופחים דיא צינים ופּחים פון א מצוה מיט א עבירה דאס ליגט בּיי דעם מענשען אז ער דארף וויסען ווי צו בּענוצען די חמימות מיט די קרירות ווארום עס קען דאך זיין ווי מיר האבּען פריהער גירעדט ער זאלל יוזען קעלט צוא א מצוה און היץ צו א עבירה איז דאך דאס צינים ופחים בּדרך עקש איז שומר נפשו דעריעניגער וואס וויל היטען זיין נפש ירחק מהם זאל זיך דערווייטערן צו טהון פערקיַחרט צו יוזען די צנים ופחים קעלט צו א מצוה און היץ צו א עבירה וייל די תורה האט אן געזאגט ובחרת בּחיים.

הוא היה מונה שבחם

די משנה י"א אין 2 טען פרק פון אבות דערציילט אונז אז רבי יוחנן בן זכאי האט אויס גירעכענט די שבחים פון זיינע 5 תלמידים פון יעדען בעזונדער, אויף יעדען בעזאנדער זאגט ר' יוחנן בן זכאי זיינע אייגענע מעלות ווי צום ביישפיעל: דער איז א בור סוד, דער איז א חסיד א ירא חטא, א מעין המתגבר, און אויף ר' יהושע בר חנניא זאגט ער גארניט זיינע אייגענע מעלות נור ער זאגט נור אשרי יולדתו: גליקליך זיינען זיינע עלטערן, מיט וואס זאגט ער ניט, און וואס די מעלות פון ר' יהושע בן חנניא זיינ׳ען זאגט ער אויך ניט: דערפאר וויל איך זאגען דארויף, אזויא ווי מיר ווייסען אז ר' יהושע בן חנניא איז גיוועזען אין זיין צייט דער "חכימא דיהדאי" ווי די גמרא בריינגט אין בכורות דף ח' די מעשי מיט די סבי דבי אתונא מיט זייערע שאלות מיט זיינע תשובות האט ר' יוחנן בן זכאי אויס געפינען אין איהם חכמה אין דערווארט חכם אליין איז גיוועזען צו קליין פאר ר' יהושע בן חנניא האט ער גע-מאכט א אויסנאהמע אויף איהם מיט די 2 ווערטער "אשרי יולדתו" גליקליך זיינען זיינע עלטערן, צוא פארשטיין דיא אויסנאהמע פון דעם אשרי יולדתו וועלען מיר דאס ערקלערען מיט דעם דובנערס א משל אויף דעם פסוק "בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו" פרעגט דער דובנער מגיד ז"ל פאר וואס קומט דאס אז דער פאטער זאלל האבען די שמחה פון א בן חכם, און דיא תוגה פון א בן כסיל זאלל ליידען דיא מוטער? ווי מיר זעהען, ווי מיר ווייסען, פון בריאת עולם אן האט א מוטער אימער מעהר צרות פון א קינד ווי א פאטער, צער הריון צער פון טראגען, פון געבארען און צער פון האדעווען א קינד ליידעט די מוטער מעהר ווי א פאטער, טא פאר וואס קומט א שמחה פון א' קלוגען זוהן דעם פאטער און די טרויער פון א נארישען זוהן דיא מוטער וואו איז דאס דער יושר? ענטפערט דער דובנער מיט א משל וויא זיין שטייגער איז אימער גיוועזען רעכט צו מאכען פראגעס מיט א משל, עס איז גיוועזען

א גאווערנער אין א סטייט זיינען געקומען צו איהם א קאמיטע פון א קליין שטעדטעל אין זיין סטייט, און גיבעטען ער זאל עפעס טהון פיר זייער שטעדטעל: זיי האבען גאר קיין ביזנעס ניט און כמעט אז זייא מיט זייערע פאמיליעס געהען אוים פון הונגער ווייל זיי האבען ניט וואו צו פערדינען און די גאנצע שטעדטעל וועט הרוב ווערען, האט דער גאווערנער ארויס גיגעבען א באפעהל אז אללע פון זיין סטייט זאלען מאכען דארטען א יריד אויף 4 וואכען צייט, אללע סוחרים מיט זייערע סחורה זאלען קומען אהין מיט זייערע סחורה און דעריעניגער וואס וועט עובר זיין אויף זיין באפעהל וועט בעשטראפט ווערען מיט א שווערע שטראפע, פרעמדע סוחרים פון אנדערע סטייטס האבען דערהערט אז דארטען אין שטעדטעל ווערט א גרויסער יריד זייען זיי אויך געפאהרען אויף דעם יריד, נאך דעם יריד ווענדעט זיך א זוי, אויב מען האט פערלוירען געלט ווער קלעמט זיך די סוחרים פון פרעמדע סטייטס, ווייל אויף זיי איז דאך דער באפעהל ניט געגעבען געווארען, וואצו האבען זייא נאך בעדארפט פאהרען און צוא לייגען געלט וויא הרב הגאון רג"ז מרגליות שליט"א שרייבט דעם זעלבען משל אויף דעם פסוק אין תולדות ותאמר "אם כן למה זה אנכי" רבקה האט געזאגט דער מאן איז מצוה אויף "פרו ורבו" ווייל לא לתוהו בראה אלא לשבת יצרה מוז ער היטען דעם ציוו פון הקב"ה אבער איך בין דאך ניט מצווה "למה זה אנכי" אבער ווען מען פערדיענט דאן פרייען זיך אללע די וואס האבען געהאט דעם באפעהל פרייען זיך נאך מעהר פון דיא סוחרים וואס האבען ניט געהאט דעם באפעהל, ווייל יענע פון די פרעמדע סטייטס זיינען דאך געפאהרען צו פערדינען, אבער דיא האבען געמוזט פאהרען אפילו ניט צו פערדינען, דערפאר איז טאקע גאנץ ריכטיג "בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו" מיינט דאס אז ביי א בן חכם פרייען זיך אי דער פאטער אי די מוטער, ביי דעם פאטער איז נאך די שמחה גרעסער ווייל סאי ווי סאי האט ער געמוזט היטען דעם צווי השי"ת, רבי יוחנן בן זכאי

בעת אז ער האט געצעהלט די שבחים פון זיינע תלמידים האט ער שוין גיזעהן אז רבי יהושע בן חנניא וועט זיין דער "חכימא דיהודאי" אין זיין צייט, דערפאר האט ער געזאגט "אשרי יולדתו"

שתקות אנוש רמה

זאגט רבי לויטס איש יבנה אין פרק ד׳ משנה ד׳ אין אבות דאס דער האפענונג פון דעם מענשען איז ווערים דארפען מיר פערשטיין דיא ווערטער דער האפנונג פון דעם מענשען: האפפען האפט א מענש אלע מאל אויף א גוטע זאך, ווען איינער האט א לאטערי צעטעל האפט ער ער זאל געווינען, עס ווערט ביי איינעם געבארען א קינד האפט ער צו דערלעבען צו זיין חתונה און האבען פון איהם נחת, איינער עפענט א ביזנעס האפט ער אויף הצלחה, אבער האפפען אויף ווערים דוכט זיך מיר אז עס איז ניטא אזוי שטארק צו ביינקען נאך דעם, דוכט זיך מיר אז דער תנא האט בעססער בעדארפט זאגען שסוף אנוש רמה, דער ענדע פון דעם מענשען איז ווערים נור מהסתם איז רבי לויטס איש יבנה אז ער האט געזאגט האט ער געוואוסט וואס ער האט געזאגט, אבער איך וויל דאך אויך וויססען און פערשטעהען: דערפאר וויל איך ערקלע-רען זיינע 3 ווערטער מיט א גמרא פון סנהדרין: די גמרא בריינגט אין דף צ״א אנטונינוס האט געזאגט צו רבין אז דער גוף און די נשמה קענען זיך פטרן צום יום הדין, דער גוף קען זאגען זינט די נשמה איז פון מיר אוועק געגאנגען, בין איך ווי א שטיין, און פערלאנג קיין זאך ניט דיא נשמה קען זאגען איך בין א חלק אלה ממעל און דארף קיין זאך ניט האט איהם רבי גיענטפערט

איך וועל דיר געבען א משל: א קייזער האט געהאט א שיינעם גארטען דארטען האבען געוואקסען שיינע פרוכטען, האט ער אריין גיזעצט צוויי וועכטער, איינער א הינקעדיגער און דער צווייטער א בלינדער, זאגט דער הינקעדיגער צום בלינדען איך זעה דארטען זעהר א שיינע פרוכט א צייטיגע, נעהם מיר אויף דיר און מיר וועלען דאס אראפ נעהמען דעם בלינדען איז דאס געפאלען געווארען און זייא האבען דאס אראפ גענומען און גיגעסען, אין א צייט ארום איז דער קייזער אריין געקומען אין גארטען, און האט געפונען אז די בעסטע פרוכט פעהלט אויף דיא בוימער פרעגט ער ביי די וועכטער וואו איז דאס די שיינע פרוכט פון די בוימער? דער בלינדער זאגט איך בין דאך א בלינדער און קאן ניט זעהען, דער הינקעדיגער זאגט איך בין, דאך א הינקעדיגער און קען ניט געהען, האט דער קייזער גענומען ארויף גיזעצט דעם הינקעדיגען אויף דעם בלינדען און האט זייא צוזאמען פערמשפט דיא זעלבע זאך טהוט דער אויבערסטער מיט דעם מענשען ער ווארפט אריין די נשמה צוריק אין גוף און משפט זיי ביידע צוזאמען:

זה כלל גדול בדין דאס איז א כלל ווען 2 טהוען צוזאמען איין פערברעכען קומט ביידען דער זעלבער פסק: ווען קען איינער הערוים פרייא ווען איינער שטארבט דאן ווארפט ער ארויף דען גאנצען שולד אויף דעם פערשטארבענעם און דאן קען ער ארוים געהן פריי: דיזעלבע זאך איז מיט דעם גוף און דיא נשמה, כל זמן דער גוף האלט זיך קען די נשמה קיין תקומה ניט האבען, אבער אז דער גוף ווערט שוין כלה דאן קען שוין די נשמה האבען איהר מנוחה תחת כנפי השכינה, ווייל די נשמה ווארפט ארויף די גאנצע שולד אויף דעם גוף, דערפאר זאגט רפי לויטת איש יבנה שתקות אנוש אז דיא האפפנונגען פון מענשען זיינען די ווערים, דאן וועט שוין דיא נשמה זיין ריין.

ספר

גן ישראל

חלק שני

תרפ״ב

ל״א חרבה ירושלים
(שבת דף קי״ט)

אמר ר׳ יצחק לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהשוו קטן וגדול שנאמר והיה כעם ככהן וכתיב בתריה הבוק תבוק הארץ, ופירוש מהרש״א לא אמר עם ככהן דהוה משמע שמניח לכהן מעלתו אלא שנחשב גם העם למעלת הכהן, וגם לא אמר כהן כעם דהוה משמע שמשפיל הכהן לעם ומניח העם במעלתו אבל אמר כעם ככהן בכף הדמיון בשניהם מחשב העם לכהן ומשפיל הכהן לעם, וכן כעבד כאדוניו וכמלוה כלוה ואמר בפורעניות בזה הבוק תבוק עכ״ל המהרש״א, וקשה הלא מצינו בגמרא בעקבא דמשיחא חוצפי יסגי: היתכן שמחמת ההוצפא דהשוו קטן וגדול חרבה ירושלים ובשביל חוצפא עקבא דמשיחא יקרבו, ונראה לתרץ עפ״י מעשה שהיה סמוך לעירנו ווילנא דר דוכוס אחד ולו בת יחידה בת עשרים שנה, יפת תואר ומלומדת בכמה לשונות, ויהי היום יום לדתה ויעש אביה משתה לכל אוהביו ומיודעיו וכל מאהביה ומכירה באו לברכה בברכת יום לידתה, ופתע פתאום נאלמה ותעמוד מלדבר, מובן הדבר כי השמחה נהפך לתוגה ותהי צעקה גדולה עושו חושו להביא רופאים, והרופאים באו בזה הרגע ולא מצאו שום מזור ותרופה עבורה וכה עברו שבועות אחדים עד אשר כל רופא ווילנא אמרו נואש למצוא תעלה ותרופה, אך זאת יעצו להדוכוס ליסע עמה לקעניגסבערג לפרא-פעסער בורע ומהסתם תיכף נסע לקעניגסבערג, ובבואם לפראפעסער בורע, שאל מאתם בראשונה כמה שעות לקח בין דבורה. ובין עמידת דבורה ויענו כחצי שעה ואח״כ שאל האם הלכה במשך החצי שעה הזאת לאיזו מקום לבדה ויאמרו הלכה לגן על רגעים אחדים, ויאמר הפרא-פעססאר מחר שעה עשירית בבוקר תבוא לבית הקליניק שלי ושמה אראה איך לכלכל הדבר ובתוך כך שלח ספרים לכל הפראפעסארען והשטודענטען שיבואי כולם למהר אל בית הקליניק על שעה עשירית בבוקר ויהי למחרת נתאספו כולם להקליניק לעת המונבל ויצו הפראפע-

סער בורע להביא את בת הדוכוס יחידה בלא אבותיה ובבואה פנימה לבית הקליניק בראותה את האנשים כי רבים המה עד למאוד נבהלה מפניהם, אחר ציווה הפראפעססער להפשיט את הבגדים מעליה ונשארה אך בכתנתה, ויצו להפשיט את הכתונת מעליה, ולא יכלה עוד לחתאפק מהביזיון והרימה את קולה: אדוני מה אתם עושים? אז אמר הפראפע-ססאר להלבישה כי שבה לשונה לאתנה הראשון ודבר תדברי, ומה היה רפואתה הפראפעססער הבין בשאלתו האם הלכה בתוך הזמן לאיזו מקום והשיבו כי הלכה לגן, מזה הבין כי שמה פחדה פחד, ומהפחד אבדה את לשונה ותעמוד מלדבר, לכן עשה לה פחד היותר גדול ומהפחד והבושה הגדולה הזה ישוב לשונה, לאתנה הראשון כמקדם כן ממש הרעיון בשני המאמרים האלי ר' יצחק אמר לא חרבה ירושלים אלא משום שהשוו קטן וגדול, כעם ככהן כעבד כאדוניו, כמלוה כלוה בדיבור אחד ירהב הנער בזקן דהיינו מחמת חוצפה, וע"ז אמרו חז"ל הרפואה יהיה כי בעקבא דמשיחא חוצפה יסגי ובזה ניחא לשון יסגי כי גדול יהיה החוצפה בעקבא דמשיחא מאת חורבנה.

דבר מצוה

אספרה שמך לאחי בתוך קהל אהללך (תהילים כ"ב)

נאספים נכבדים היקרים!

בצעדי בעת על מקום הקדוש הזה בבית הכנסת יפיפיה לשא מדברותי לפניכם עדה הקדושה והנכבדה הראני לדעת כי עברתי הגבול מילדות לאישות, אתמול בעת הזאת כאשר רציתי לדבר לא הרהבתי עוז בנפשי לגשת אל אנשים נכבדים כמוכם לדבר אתכם, אך דברתי לפני גילי כמוני לילדים כמוני והיום אשא דברי לפני אנשי שם ואנשים זקנים ונכבדים וזה משום מה? מחמת כי היום הזה באתי להיות חבר להברת "בני ישראל סאנס אף איזראעל" אשר היא בתקפה עומדת מששת ימי בראשית עד היום אשר כל רוחות רעות לא יכלו ולא יוכלו לעקור אותה

ממקומה, אף כי רבים קמו עליה, ונוכל לאמור כי זה הוא הרעיון מהפסוק, היום - אספרה שמך לאחי- החדשים, ולכן בתוך קהל אהללך מחמת כי היום במלאות לי שלש עשרה שנה יצאתי ועברתי גבול הילדות כן, אמת! עברתי גבול הילדות אבל לכלל אישות ואף -לימי הבחרות עדנה לא באתי, כי רב מני הדרך, והמחזה הזה אשר אני חוזה למה הדבר דומה לאנשים היוצאים מארצות יוראפ לאמעריקא כאשר אך עוברים את גבול ארצם המה שמחים, אך רב להם הדרך בטרם יבואו לאמעריקא מחמת כי יש להם עוד לעבור את הים האטלאנטיק הגדול. ומפחדים ודואגים כל זמן נסיעתם עליהם פן ח"ו יבואו רוחות שונות ורעות, כן ממש אפחד גם אני כי גם לי יש לעבור את הים הגדול ים החלד ואינו יודע לאיזה דרך יוליך אותי הים הגדול חזה אם יהיה הזמן צח ובהיר או ח"ו רוחות שונות ורעות עד אבא לשם איש אשר אֶמצא חן בעיני אלקים ואדם, ואי לזאת אבקש לאלקי ישראל, בפני עדה הקדושה הזאת לפני ארון הקודש הורני ד' דרכך ואם עדנה אין בידי לבוא בקרך הגדול הכבושה לרבים נחני באורח משור באורח הקטנה למען שוררי בעד האנשים אשר המה מביטים עלי.

שמעתי רבים אומרים כי עול התורה כבד מאוד ולכן נקראו בני ישראל עם עמוסים שנעמסו בתרי"ג מצות ושאלתי את רבי היתכן? כי כל אחד מישראל יוכל לקיים התרי"ג מצות ויען רבי ואמר הלא זה לא כביר לפני חמשה רגעים סיימת את ההפטרה בפסוק הגיד לך אדם מה טוב, כל אדם יגיד לך מה טוב לפניך ומה ד' דורש ממך ומה הוא הרצון מהש"יתב ממך, במה תוכל למלאות רצונו? כי אם עשות משפט עם אנשים, ואהבת חסד לעשות חסדים, עם כל אחד ואחד, וזה הוא הרצון של הקב"ה, כדמצינו בפרקי אבות: כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, ודברים השייכים בין אדם למקום הצנע לכת

עם אלוקיך מבלי הראות לכל כי צדיק אתה רק הצנע לכת בדברים השייכים בין אדם למקום, כאשר הראני לדעת השל יד שהוא מכוסה כנגד הלב להראות כי הלב צריך להיות משועבד הכל לד׳ כמאמר חז״ל רחמנא לבא בעי ככתוב בתורתנו הקדושה, ולעבדו בכל לבבכם. אך באיזו אורח נוכל לבוא להדרך הכבושה ועשה טוב: לכן אפיל תחינתי לפני אדון כל ואתחנן לפניו בקשת החכם מכל אדם לב חכם ונבון להבין בין טוב לרע ובכן אבא אל שער המלך מלכי המלכים להיות עובד ד׳ באמת, וחבר טוב לחברי השייכים להארדען ״בני ישראל סאנס אף איזראעל״ ואז אהיה אי״ה אהוב למקום ואהוב לבריות, ואשמה את הורי היקרים, ולכם אבותי היקרים תודה מה אשיב כי כל תגמולכם עלי באשר עדנה לא התחלתי לשלם הובותי לכם ובמה אוכל לשלם לכם ואי לזאת:

בתוך קהל ועדה תודתי עליכם אביע
ותפילתי בעדכם לשוכן שחק יגיע
אדוך אלוה אדון היצורים
תתה לי אבות טובים וישרים
יהושו בעדי מבוקר עד ערב
להכין צרכי לתת לי טרף
בעדכם הורי אשא תפילה
לשוכן שחק יושב תהילה
להריק עד בלי די ברכתו אליכם
ויאריך בטוב ובנעימים ימיכם
וזתכו לימי גבורותיכם
לראות דור רבעי מבניכם

ולכם נאספים נכבדים יען כי כבדתם אותי ולקחתם את המועד לשמוע דברתי, אתחיל את הדברים אשר שמעתם מקודם מהחזן ואומר מי שבירך אבותינו - עד וכל אשר להם, ולכם נשיאי העדה הקדושה אגמור את המי שבירך ואתחיל וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה ער ונאמר אמן תודה

אתה חונן לאדם דעת

